אַ גוטן פילם האָט געמאַכט אין 1949 ג. וו. פּאַבסט — דער פּראָצעס, וואו ער ווייזט אויף די לעכערלעכקייט און טראַגישקייט פון דער בייזוויליקער באַשולדיקונג, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט אויף מצות. פּאַבסט איז אַ טאַלאַנטירטער פילם־דירעקטאָר. אָבער ווען איך האָב דעם פילם געזען מיט 28 יאָר צוריק, טראָץ דעם וואָס דער גאַנצער זאַל האָט געקרעכצט, האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם באַוואוסטזיין, אַז אין די דרייסיקער יאָרן איז פּאַבסט צוריקגעקומען פון אַמעריקע קיין דייטשלאַנד...

אַ צווייטער פילם דעם טייוולס גענעראַל — אַ געשיכטע וועגן אַ לאָיאַלן נאַצי, געוועזן אַ פליער אין דער דייטשער אַרמיי, מיט גרויס דערפאָלג געדינט אויף אַלע שלאַכט־פעלדער דעם פאָטערלאַנד. און פלוצלונג פאַרן סוף פון דער מלחמה, דערוועקט זיך ביי אים דאָס געוויסן. די פראַגע איז נאָר, צי ווען ער וואָלט געזען אַ פאַרקערטן סוף פון דער מלחמה — צי וואָלט זיין געוויסן אויך זיך דערוועקט?

## טשעכאָסלאָוואַקיע

די טשעכן האָבן אונדז געגעבן אַ פּאָר גוטע פילמען — דער טראַנספּאָרט פון גן־עדן; אַ פילם וועגן טערעזיענשטאָט, דער אַזוי גערופענער מוסטער־לאַגער, ווי היטלער פלעגט זיך שפּאַסיק אויסדריקן „איך האָב די שטאָט געשאָנקען די יודען". אַ לאַגער וואוהין מען האָט איינגעלאַדן זשורנאַליסטן פון נייטראַלע מדינות זיי זאָלן אָפּלייקענען דעם יידישן ליגן וועגן גאַז־קאַמערן. דער פילם איז פול מיט איראָניע און ווייטיק.

אַ צווייטער פילם, דער קרעמירער, געמאַכט אין 1968, אַ פילם וועגן אַ מיטאַרבעטער אין אַ קרעמאַטאָריע. ער וואָלט געוואָלט ווערן דער קאָמענדאַנט פון דער גאָטס־פאָרכטיקער אינסטיטוציע. אָבער ער האָט אַ שטערונג — זיין יידישע פרוי. ער הרגעט זי צוזאַמען מיט זיין זון. פאַר דעם „העלדישן" טאָט ווערט ער טאַקע באַלוינט. ס'איז אַ געשיכטע פון מיטל־קלאַס אַמביציעס און דעם פּרייז וואָס מען צאָלט פאַר זיי.

אַ גוטער פילם איז די קראָם אויף דער הויפּט־גאַס געמאַכט פון קלאָס און קאַדאַר. זייער אַ רירנדער פילם. קאַדאַר זאָגט, אַז דו קענסט זיך נישט העלפן, אויב דו ווילסט נאָך האָבן דעם לוקסוס פון זיין אַ מענטש, מוזט דו פאַרנעמען אַ צד אין קאַמף צווישן שלעכטס און גוטס. אַ פילם וועגן אויסדויער און מוט. טאַנאַ (דער העלד) וויל ראַטעווען די אַלטע טויבע יידישע פרוי (געשפּילט פון אידאַ קאַמינסקאַ). ער טוט אַלץ אַז זי זאָל נישט אַוועקגיין מיטן טראַנספּאָרט.

## פראַנקרייך

פון פראַנקרייך וויל איך דערמאָנען בלויז צוויי פילמען: דער דירעקטאָר מאַרסעל אָפּולס האָט געמאַכט דעם פילם פאַרדרוס און רחמנות. די פראַנצויזישע רעגירנדיקע קרייזן זענען געווען נישט צופרידן מיט דעם פילם. דער דירעקטאָר זאָגט, אַז אין דער צייט פון ווישי־רעזשים „זענען די פראַנצויזן געווען נישט אַנדערש ווי די דייטשן". אַ פילם פול מיט לאָגיק, אפשר אַ ביסל צו פיל לאָגיק.

אַלאַן ראַסנעי האָט געמאַכט אַ פּרעכטיקן פילם: די נאַכט און דער נעפּל. דער גרויסער דירעקטאָר פּרובירט אויספאָרשן ווי ס'אַרבעט דער מעכאַניזם אין דער מענטשלעכער נשמה, וואָס דערמעגלעכט אים צו הרגענען אַ צווייטן. אין אַ סצענע אין דעם פילם זאָגט דער קאַפּאָ: „איך בין נישט שולדיק". „איך בין נישט שולדיק" — זאָגט דער אָפיציר. — איך בין נישט שולדיק, איך בין נישט שולדיק. ווער איז שולדיק? — פרעגט ראַסנעי. אוניקאַל איז זיין אידענטיפיצירן זיך מיט מענטשלעכער פאַרצווייפלונג. ער וויל אונדז ווייזן דאָס וואָס מיר גלויבן: אַז דאָס איז געשען אין איין צייט, מיט איין פאָלק. ער רעדט וועגן אונדזער מאָראַל אויפן פאָן פון גרעסטן פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

## אַמעריקע

טשאַרלי טשאַפּלין האָט געמאַכט אין 1940 דעם פילם דער גרויסער דיקטאַטאָר. ביים סוף פון פילם האַלט דער יידישער פריזירער אַן איבערצייגנדיקע רעדע, ליידער אַ צו איבערצייגנדיקע. ער פּרובירט צו רעדן צו אַ טויבער וועלט.

סטאַנלעי קראַמערס דער משפּט אין נירענבערג, אַ געלונגענער פילם וועגן דעם איינפלוס פון דייטשן נעכטן אויפן היינט. די שולד אין דעם דייטשן פאַרברעכן, טענהט קראַמער, איז דער יורידישער סיסטעם פון דעם דאָזיקן לאַנד. עס ווילט זיך פרעגן: וואו איז געווען דער מענטש?

סידנעי לומעטיס, אין דעם פילם דער לאָמבאַרדניק פּרובירט צו פאָרשן דאָס לעבן פון צוויי רעאַליטעטן פון אַ לעבן־געבליבענעם, 20 יאָר נאָכן חורבן. דזשאָרדזש סטיווענס פילם דער טאָגבוך פון אַננאַ פראַנק, איז אַ געלונגענער אופן פון איבערגעבן אויפן עקראַן זייער דינע געפילן פון אַ יידיש קינד.

מען וואָלט נאָך געקענט אויסרעכענען פילמען פון איטאַליע, יוגאָסלאַוויע, אונגאַרן, און פיל אַנדערע. צום סוף וויל איך דערמאָנען בלויז איין ענגלישן פילם: עס איז געשען דאָ. דער דירעקטאָר פאַנטאַזירט, וואָס וואָלט געשען ווען היטלערן געלינגט צו פאַרנעמען ענגלאַנד, ווי אַזוי וואָלט זיך אויפגעפירט דאָס ענגלישע פאָלק. ער קומט צו זייער טרויעריקע אויספירן. מיר יידן קענען אָבער די אויספירן...

ק. געטלער

# דער חורבן געזען דורך אַנדערע...

ווען איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן דאָס דאָזיקע אַרטיקל, איז פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב צוויי אויסוואַלן: אָדער אַרויסנעמען צוויי אָדער דריי פֿילמען וועגן געטאָ־לעבן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פֿאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, און פּרובירן זיי גרינטלעך צו באַהאַנדלען; אָדער נעמען דעם לייענער און אַרומפֿירן אים איבער דער וועלטס פֿילם־פּראָדוקציע וועגן יענער צייט, און ווייזן אים אַז אויף דער וועלט זענען פֿאַראַן נישט נאָר מערדער און האַס־פּראָפּאַגאַנדיסטן, נאָר אויך קינסטלער־הומאַניסטן, וועלכע פּרובירן צו זוכן אַן ענטפֿער אויף דעם פּראָבלעם, וואָס עס איז געשען מיטן מענטש אין די יאָרן 1933־1954. איך וויל באַווייזן, אַז אַ חוץ דעם מערדערישן שטיוול, זענען אויך פֿאַראַן אויף דער וועלט מענטשן, וואָס זוכן יושר און פֿרידן. דערפֿאַר וועל איך זיין געצוואונגען צו ווידמען נאָר אַ פּאָר זאַצן יעדן פֿילם וועלכן איך וויל פֿאַרצייכענען.

נאָכן חורבן, ווען די רעשטלעך פֿון דער שארית הפליטה האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען פֿון די לאַגערן, האָט זיך געדוכט אַז דאָס געוויסן פֿון דער וועלט האָט זיך דערוועקט. דער פּשוטער מענטש אין מערב האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין די פּרעציזע אכזריות פֿון אַ ציוויליזירט פֿאָלק. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ פֿאָלק קען האָבן גרויסע קינסטלער און זיין מאָראַל זייער נידעריק. מיר האָבן געמיינט אַז קונסט דערהויבט דעם מענטש. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די דייטשע אָפֿיצירן, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט ביי די קאַלך־אויוונס, האָבן ביינאַכט אַנטציקט זיך מיט בעטהאָווען און מאָצאַרט. דער מאָדערנער קינסטלער האָט אָנגעהויבן צו צעטיילן קונסט און מאָראַל. (דאָ וועלן מיר אפֿשר געפֿינען אַ שליסל צום טעאַטער פֿון אַבסורד.) אויף אַלע געביטן פֿון קונסט האָבן קינסטלער פּרובירט צו זוכן די סיבות פֿון מענטשלעכער געפֿאַלנקייט. אין פֿילם, ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן פֿון קונסט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן הונדערטער פֿילמען וועגן דער טראַגעדיע פֿון אונדזער פֿאָלק.

### רוסלאַנד

איינער פֿון די ערשטע איז געווען פּראָפֿעסאָר מאַמלאָק, געמאַכט אין רוסלאַנד אין 1940. אַ געשיכטע פֿון אַן אַסימילירטן ייִדישן דאָקטאָר, וועלכער איז געווען לייטער פֿון אַ כירורגישן דעפּאַרטאַמענט אין דייטשלאַנד. נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט וויל זיין זון אים אַרויספֿירן קיין אויסלאַנד. אָבער ער, מאַמלאָק „דער דייטש" איז זיכער אַז אים וועט גאָרנישט געשען. פֿאַרן פֿאַרברעכן צו זיין אַ ייִד מוז ער באַצאָלן מיט זיין לעבן. אין מזרח־דייטשלאַנד האָט מען „פּראָפֿעסאָר מאַמלאָק" נאָך אַ מאָל פֿילמירט אין 1961. אויך זייער אַ גוטער פֿילם.

### פּוילן

אין פּוילן האָט איינע פֿון די ערשטע—וואַנדאַ יאַקובאָווסקאַ — געמאַכט זייער אַ געלונגענעם פֿילם דער לעצטער עטאַפּ. זי האָט עס געמאַכט מיט אַ סך געוואַגטקייט. דער פֿילם איז אַ רעקאָנסטרוקציע פֿון לעבן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אַלעקסאַנדער פֿאָרד האָט געמאַכט אַ פֿילם וועגן דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד: „אוליצאַ גראַניטשנאַ" (גרענעץ־גאַס). דער טאַלאַנטירטער פֿאָרד האָט אונדז געוויזן די העלדישקייט און טראַגעדיע פֿון יענער צייט. אַנדזשעי ווײַדאַ האָט געמאַכט עטלעכע פֿילמען וואו דער ייִד אין געטאָ איז אַ וויכטיקער טייל פֿון זיי.

אַליץ צום פֿאַרקויפֿן איז אַ געשיכטע וועגן אַ פּאָעט וואָס קען זיך נישט צופּאַסן צו דער מלחמה־ווירקלעכקייט. דאָס ייִדישע מיידל לאָזט אים נישט פֿאַרגעסן דעם נעכטן. ווײַדאַ מאַכט אויך דעם פֿילם דורות. אין דעם פֿילם שאַפֿט ער אַזאַ סיטואַציע, אַז טראָץ דעם וואָס דער העלד יאַנעק האָט נישט קיין מוט צו ראַטעווען זיין ייִדישן פֿריינד, באַצאָלט ער סיי ווי מיט זיין לעבן פֿאַר דער פֿריינטשאַפֿט.

אַנדזשעי מונקס פּאַסאַזשירין איז אַ געשיכטע וועגן אַ „קאַפּאָ" — לידיאַ. נאָך פֿופֿצן יאָר באַגעגנט זי צופֿעליק אויף אַ פּאַסאַזשיר־שיף איר נעכטיקן קרבן — מאַרטאַ. לידיאַ, היינט די גאָטספּאַרכטיקע בירגערין, וויל פֿאַרגעסן דעם נעכטן. ס'איז איר באַקוועם צו פֿאַרגעסן. מיט דעם פּראָבלעם פֿון פֿאַרגעסן סיי מצד די קרבנות, סיי מצד די תּלינים, פֿאַרנעמט זיך דער קינאָ זייער אַ סך. די צופֿעליקע באַגעגעניש מיט מאַרטאַן לאָזט לידיאַן נישט צו רו. מונק ווייזט אונדז ווי אַ מענטש קען אַקצעפּטירן אַלע ברוטאַליטעטן פֿאַרן פּרייז פֿון בלייבן לעבן. אגבֿ, דער פֿילם איז נישט געענדיקט געוואָרן דורך מונקן, ער איז פֿריער אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע. געענדיקט האָבן אים זיינע פֿריינד.

### דייטשלאַנד

פֿון דאָרטן האָבן אַ פֿלייץ געטאָן צענדליקער פֿילמען אויף דער חורבן־טעמע. זיי זאָגן אויך אַז דאָס געוויסן האָט זיך ביי זיי דערוועקט. אויף דעם לאַסט־אויטאָ וואָס רופֿט זיך „געוויסן" האָבן זיי זיך זייער שפּעט אַרויפֿגעכאַפּט. ס'איז מיר שווער צו שרייבן וועגן דייטשע פֿילמען אויף דער טעמע. איך גלויב נישט, אַז אונדזער דור וועט ווען

פון דער פּוילישער אינטעליגענץ און מלוכה־מענער. אַלס רעזולטאַט פון דעם שטורעם, איז געבוירן געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון 3טן מאַי, וועמענס פּאַראַגראַפן זענען קיין מאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן — נישט דאַן אין 1791, ווען די פּוילישע שלאַכטע האָט אָנגאַניזירט איר קאָנספּיראַציע אין טאַרגאָוויצע (מאַי 1792), און צוזאַמען מיט דער רוסישער אַרמיי באַזיגט דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד — און נישט שפּעטער — אין אומאָפּהענגיקן פּוילן (1920־1939).

די דאָזיקע תקופה: דער אַמביציעזער קאַמף פון דער פּוילישער שליאַכטע איינצוהאַלטן אירע פּריווילעגיעס, די מורא צו פאַרלירן די אַבסאָלוטע הערשאַפט איבער די לייב־אייגענע, די שווערע לאַסט, וועלכע די לייב־אייגענע און די יידן פון פּוילן האָבן געמוזט אויסטראָגן צוליב דער שלעכטער באַלעבאַטישקייט, צעלאָזנקייט און הולטייסטווע פון דער שליאַכטע — ווערט אין דער פּוילישער געשיכטע באַצייכנט ווי די תקופה פון: „עס און טרינק און לעב אַ גוטן טאָג״.*

אָט די תקופה ווערט ברייט באַשריבן אין „אָפּגאָט אין פייער״ און שאַפט דעם הינטערגרונט אויף וועלכן עס אַנטוויקלען זיך די ווייטערדיקע געשעענישן.

באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פון די יידן. ר׳ יהודה גאַמבינער, דער הויפּט־העלד פון בוך, שטעלט די פראַגע, וועלכע קאָן אַמבעסטן כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע לאַגע:

— וועמענס גורל איז בעסער: צו זיין אַן אייביקער קנעכט צווישן אייגן־גלייביקע (געמיינט די לייב־אייגענע — מ. א.), אָדער אַן אייביק פאַרפאָלגטער ייד צווישן גויים? (זייט 179).

* * *

ווען אַ שרייבער ווערט אָנגערעגט פון אַ געשעעניש וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און באַשליסט עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן, האָט ער אין פּערספּעקטיוו פון אָפּגעשלאָסענע תקופה, וועלכע ער קאָן אינטערפּרעטירן. פון דער צווייטער זייט אָבער איז ער געבונדן צו געוויסע געשיכטלעכע פּרטים, וועלכע פאַרפליכטן אים איינצוהאַלטן די אייגנאַרטיקייט פון דער געגעבענער צייט, ווי קליידונג, לעבנס־שטייגער, שפּראַך, מנהגים

ווי אַ קונסט־מאָלער גיט אונדז שאַיאַק אַ פאַרבנרייכע און ביז גאָר באַלערנטע באַשרייבונג פון די פּירשטלעכע פּאַלאַצן און די קונסט בילדער, וועלכע באַצירן די ווענט. מען פילט די ערודיציע און מבינות פון מחבר, וועלכער איז אַן עקספּערט אויף דעם געביט. פון איין זייט זעען מיר דעם פּרימיטיוו־רויען גוט־באַזיצער און זיין באַציאונג צום אייגענעם פאָלק — פון דער אַנדער זייט — אַ פאַרלאַנג צו זאַמלען קונסט־אוצרות (בילדער, סטאַטועס, גאָבעלינען) און באַצירן דערמיט די פּאַלאַצן.

אָבער נישט תמיד איז דער מחבר אָפּגעהיט מיט דער שפּראַך פון זיינע העלדן. זאָגט ר׳ יהודה (דער שניצער) צום גלח (אין קאַפּיטל: „קאָנפראָנטאַציע״ — כאָטש פּאַסיקער וואָלט אפשר געווען — פאַרמעסט):

— הער וויקאַר, עס וואונדערט מיר זייער צו הערן פון אייער מויל אַזאַ פאַרלייג.

דעם אמת געזאָגט, מיר וואונדערט עס אויך! ווי קומט אַז אַ ייד פון 18־טן י״ה זאָל רעדן אַ ייוו״אָ־יידיש?

ביז גאָר בולט איז געמאָלן דער קלער און איר פאַרשטייער דער וויקאַר פון זדוני. די צעבאַלעוועטע שליאַכטע איז קנאַפּ רעליגיעז. זי באַטראַכט דעם צושטאַנד אויך ווי אַ טייל פון אירע פּריווילעגיעס. טייל זענען אפילו אָנגעשטעקט מיט די פריידענקערישע אידייען פון די פראַנצויזישע סאַנקילאָטן. די מורא אָבער פאַרן גלח איז דאָ. דער אויטאָריטעט פון דער קירכע, וואָס קאָן יעדן שטעמפּלען ווי אַן אַנטי־קריסט און די קאָנסעקווענץ דערפון — גיט דעם גלח אומבאַגרענעצטע מאַכט און מעגלעכקייטן פאַר זיין פאַרדאָרבענער, אוממענטשלעכער אכזריות (מיט וועלכער דער פירשט איז טייל מאָל נישט מסכים).

דער פאַרמעסט צווישן יהודה דעם שניצער און דעם גלח פון זדוני — דאָס איז דער אייביקער יידישער געראַנגל צווישן ערלעכקייט, גלויבן און מסירת־נפש — קעגן ברוטאַלער צוואַנג און בלוט־דורשטיקע אַמביציעס. עס איז דער טראַגישער גורל פון יידן אין דער געשיכטע כדי איינצוהאַלטן די דאָזיקע ווערטן. באַצאָלט ער דערפאַר מיט זיין לעבן!

* * *

אַ פיין געצייכנטע געשטאַלט, וועלכע איז מייסטערהאַפט אַריינגעוועבט אין ראָמאַן, איז די גוווערנאַנטקע מישעל דעביאַר. אַ סענסיטיווע, פיינפילנדיקע פרוי, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגערופן איר יידישער אָפּשטאַם און זי וויל עפּעס אויפטאָן — עפּעס אין אירע מעגלעכקייטן, כדי איר פאַרבאַהאַלטענער יידישקייט געבן אַ זין.

זי געהערט אויך צו דער גאַלעריע שטילע יידישע העלדן, וועלכע האָבן מיט זייערע שוואַכע כוחות געפּרווט אויפהאַלטן און זיך וואַרעמעןביים פונק פון יידישקייט.

מיט די דאָזיקע אַנאָנימע העלדן, איז פול די יידישע געשיכטע. אייניקע פון זיי האָבן באַקומען אַ תיקון אין בוך פון ג. שאַיאַק „דער אָפּגאָט אין פייער״.

---

*„זאַ קרולאַ סאַסאַ, יעדז אי פּי אי פּאָפּושטשיי פּאַסאַ״.

אַרויסגעבן וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף יידיש. עס איז אמת דאָ אַ געזעלשאַפט אין פילאַדעלפיע (דזשואיש פובליקיישן סאָסייעטי), וואָס גיבן אַרויס ביכער אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, אָבער די מענטשן וואָס שטייען בראש פון דער געזעלשאפט באַציִען זיך גלייכגילטיק צו וויסנשאַפטלעכע ווערק געשריבן אין יידיש. חוץ דעם וועלן זיי האָבן אַן אַנדערן תירוץ. נישט לאַנג צוריק האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון די יידן און איר ליטעראַטור וואָס די מחברים זענען פראָפעסאָר מאַרקס און מאַרגאָליס; אויך ד״ר וואַקסמאַן האָט אָפּגעדרוקט צוויי טיילן פון זיין ווערק (אין ענגליש) און בקרוב וועט דערשיינען דער דריטער טייל.

אויב איער (צינבערגס) ווערק וואָלט דערשינען אין ענגליש וואָלט עס צוגעדריקט צו דער וואַנט אַלע ביז איצטיקע ווערק. אָבער צום סוף פירט אויס דאַווידזאָן, אַז עס וועט נישט העלפן אָבער שאַדן וועט עס נישט. אם לא יועיל לא יזיק.

צינבערג ענדיקט זיין בריוו צו אָפּאַטאָשו: איך האָב פיינט צו קלאַפּן אין פעסט פאַרמאַכטע טירן. איך האַלט דאָס אויך פאַר אַ שטיקל פחיתת הכבוד צו ווענדן זיך צו אַזוינע „אַדונים״, וואָס פאַרהאַלטן זיך מיט ביטול צו יידיש. ווי האַלט איר?״

— זאמלביכער, נומ. 5, 1943.

* * *

זעקס־און־דרייסיק יאָר נאָך דעם מאַרטירער־טויט פון ישראל צינבערג איז זיין חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן, און זיין לעבנסווערק ווערט אַרויסגעגעבן אין אַן אַקאַדעמישער אויסגאַבע אין 12 בענד, פון וועלכע 6 זענען שוין דערשינען און די איבעריקע 6 וועלן בקרוב אַרויסגיין.

אין דער אינטערעסאַנטער הקדמה צו דער ענגלישער אויסגאַבע שרייבט פּראָפעסאָר בערנאַרד מאַרטין: „ישראל צינבערגס „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״ איז איינער פון די לעצטע גרעסטע מאָנומענטן פון דער יידישער וויסנשאַפט פון אייראָפּעאישן יידנטום. די וועלט, וואָס האָט די גרויסע ווערק געשאַפן איז אויף שטענדיק אַוועק אין רעזולטאַט פון חורבן דורך די נאַציס. עס איז צו האָפן, אַז די איבערזעצונג וועט העלפן אָפּצוהיטן דעם לעבעדיקן אָנדענק פון דער פאַרשוואונדענער וועלט און וועט פירן צו אַ טיפערער פאַרשטענדעניש פון די אומאָפּשאַצלעכע ליטעראַטור־אוצרות, וואָס דאָס אייראָפּעאישע יידנטום האָט געשאַפן אין איר טויזנטיאָריקער געשיכטע״.

דאָס ווערק וועט געוויס ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן אין דער אַקאַדעמישער וועלט, וועלכע וויַיזט לעצטנס אַרויס גרויס פאַראינטערעסירונג אין די שאַפונגען פון מזרח־אייראָפּעאישער געשיכטע.

די באַדייטנדיקע צאָל סטודענטן, וואָס לערנען איצט אין די אַמעריקאַנער הויכשולן יידישע און העברעאישע קולטור־ווערק וועט „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״ ווערן אַ קוואַל פון וויסן וועגן דער דורותדיקער יידישער קולטור.

* * *

באַמערקונגען:

דאָס ווערק פון ישראל צינבערג איז אַרויס אין ישראל אין העברעאישער איבערזעצונג.

דער זעקסטער באַנד (אַכטער טייל) פון דער יידישער אויסגאַבע באַשרייבט געצוי, אויפן סמך פון אָריגינעלע מקורות די אַלטע יידישע ליטעראַטור, פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה אין אַ בוך פון 439 זייטן.

---

מ. אייזענבוד

# אַנאָנימע העלדן

ג. שאַיאַק־טשאַרנעזאָן, „דער אָפּגאָט אין פייער״, מעלבורן, 229 ז״ז.

די מיינונג — אַז געשיכטע איז אַ וויסנשאַפט, ווערט אָפּט דיסקוטירט און אָפּגעפרעגט. אַנדערע מיינען, אַז געשיכטע האָט אַ נאָענטע שייכות מיט ליטעראַטור. פּראָפ. י. ראַטנבערג (וואָלטאַם, מאַס.), ברענגט אַ ציטאַט פון אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער ראָסל ניי, וועגן דעם חילוק צווישן ליטעראַטור און געשיכטע:

„האַמלעט דאַרף נישט האָבן קיין מעטריקע — זאָגט ער — נאַפּאָלעאָן דאַרף יאָ״.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין: אויב געשיכטע איז אַ וויסנשאַפט — לערנט פון איר קיינער נישט. נישט דער יחיד — ווי אַ פירער פון אַ מדינה, נישט די פירער פון פאָלק — ווי אַ קאָלעקטיוו און נישט דאָס פאָלק גופא.

אַ ביישפּיל דערפון געפינען מיר אין דעם היסטאָרישן ראָמאַן פון גדילה שאַיאַק: „דער אָפּגאָט אין פייער״.

די געשיכטלעכע עפּאָכע, ערב דער צווייטער פאַרנאַנדערטיילונג פון פוילן צווישן אירע שכנים (1793) וועלכע דאָס בוך באַהאַנדלט, ענדיקט זיך אין יאָר 1792, דריי יאָר נאָכן אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. צווישן די אויפטוען פון דער רעוואָלוציע איז אויך געווען דאָס עמאַנציפּאַציע־געזעץ פאַר יידן (28 סעפּטעמבער, 1791). עמאַנציפּאַציע פון יידן, ווי אויך די פונדאַמענטאַלע פּאָליטישע ענדערונגען פאַר יענער צייט — אָפּשאַפן לייבאייגנטום (אין רוסלאַנד איז „פּאַנשטשיזנע״ אָפּגעשאַפט געוואָרן ערשט אין יאָר 1861) איז ווי אַ שטורעם אַדורך איבער אייראָפּע. עס האָט אָבער קוים אָנגערירט די שפּיצן

ציִנבערגס שרייבן צייכנט זיך אויס מיט אָריגינאַליטעט, לומדות, ערודיציע, און פּשטות און פאַרשטענדלעכקייט פון דער שפּראַך. גענויע פּרטים לעגן זיין לעבנס ווערק וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין רוסיש — דערנאָך איבערגעגאַנגען אויף יידיש און פון דאָס ניי באַאַרבעט דעם מאַטעריאַל, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן — קאָן מען נישט איבערגעבן אין אַ צייטונג־אַרטיקל.

ציִנבערג האָט געאַרבעט איבערן ווערק צענדליקער יאָרן, געזאַמלט מאַטעריאַל אין די ביבליאָטעקן און אַרכיוון פון פּעטערבורג, געזעסן אין זיין קאַבינעט און געשריבן מיט אויסערגעוויינלעכער התמדה און מיט זיין פענאָמענאַלער אַרבעט־פעאיקייט. ער איז חוץ דעם געווען אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער חברה מפיצי השכלה, ליטעראַרישער געזעלשאַפט, אין די רעדאַקציע פון די יידישע און יידיש־רוסישע זשורנאַלן, און אין דער פאָלקס־פּאַרטיי.

אין די שווידערלעכע יאָרן פון רוסלאַנד — אין די 1937־1938 — בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע פּראָצעסן און די „רייניקונגען", ווען די געהיים־פּאָליציי האָט מיט דער גרעסטער אכזריות אומגעבראַכט און פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן טויזנטער סאָוויעטישע בירגער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, האָט זיך די האַק אַראָפּגעלאָזט אויף די יידן. די ערשטע קרבנות פון סאָוויעטישן רעזשים זענען געווען דער יידישער פּאָעט — אַ געטרייער קאָמוניסט, איזי כאַריק (1937) און דער גלענצדיקער יידישער ליטעראַטור־היסטאָריקער ישראל ציִנבערג. אין 1938 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין וולאַדיוואָסטאָק (מזרח־סיביר) און איז אומגעקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער דאָרטן אין 1939.

דער היסטאָריקער ד"ר יעקב שאַצקי, דער גרויסער ערודיט און גלענצנדיקער אַנאַליטיקער, שרייבט וועגן ציִנבערגס „געשיכטע". „אונדז פעלט ממש אָטעם און פּערספּעקטיוו ריכטיק אָפּצושאַצן דאָס וואָס ציִנבערג האָט אויפגעטאָן. פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אין די 8 בענד און צען חלקים אַ פילפאַרביקע פּאַנאָראַמע פון ווערק אין ווערטן פון פאַרשידענע דורות, תקופות, לענדער, לשונות און געמיטער. אויסגעמאָלן פון איין מענטש, וואָס האָט זיך מכין געווען אַ גאַנץ לעבן צו דער דאָזיקער עבודה. אין די דאָזיקע בענד פילט מען אַ וואַרעמע נשמה פון אַ מענטש, וואָס באַנוצט זיך מיט די מעטאָדן פון פאָרש־אַרבעט, ווייל אַזוי דאַרף מען. מיט אים פאַרענדיקט זיך אַ תקופה; ער איז לעת עתה דער לעצטער היסטאָריקער פון ליטעראַטור ביי יידן". — זאַמלביכער רעדאַגירט פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק, נומ. 8, 1952.

אין ציִנבערגס בריוו צו שמואל ניגער (1911־1935) און צו יוסף אָפּאַטאָשו (1933־ 27־טן יוני 1937) קומט צום אויסדרוק זיין וואַרעמער אינטערעס צו דער יידישער שאַפונג אין אַמעריקע און די האַרציקע באַציאונג צו די חברים שרייבערס. ער דערציילט מיט פרייד אַז אין ווילנע דרוקט זיך שוין דער 7־טער באַנד פון זיין לעבנסווערק, און אַז ער איז גליקלעך צו לייענען די ווערק פון אָפּאַטאָשו און ניגער, וואָס ער באַקומט פון ניו־יאָרק מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג אין לענינגראַד.

ער שיקט זיינע כתב־ידן פאַרן „צוקונפט", ער לייענט מיט אינטערעס די „ליטעראַרישע בלעטער", וואָס דערשיינען אין וואַרשע.

אין אַ בריוו צו ניגערן פון 2־טן דעצ. 1920 שרייבט ער: „ווי איז אייער דעה, צי לוינט זיך פאַר מיר איך זאָל מיך לאָזן קיין ניו־יאָרק; צי וועט מיר דאָרט נישט שווער זיין די פאַמיליע צו דערנערן אַלס ליטעראַט און לעקטאָר, דערצו נאָך אַ באַהאוונטער אין נאַטור־וויסנשאַפטן, בפרט אין חכמה הכעמיע. מיר זענען דאָ ווי אָפּגעשניטן פון דער גאָרער וועלט און ווייסן נישט וואָס דאָרטן טוט זיך".

ער פילט זיך אין פּעטערבורג איינזאַם, ווייל די וויכטיקסטע שרייבער און געלערנטע פון זיין דור זענען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, און די מאַטעריעלע אומשטענדן זענען קלאָגעדיקע. אָבער ער איז ווייטער געזעסן אין זיין קאַבינעט און האָט געאַרבעט אין די אָוונטן איבער זיינע ווערק.

אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו צו יוסף אָפּאַטאָשו, 26 אַפּריל, 1936, שרייבט ער, אַז מיטן 8־טן באַנד פון זיין „געשיכטע" איז ער שוין באַלד פאַרטיק.

„און יאָ, מחשבותין! עיקר שכחתי. איר געדענקט דאָך מסתמא ווי איך האָב מיך מיט אייניקע חדשים צוריק אָנגעפרעגט ביי אייך, צי וואָלט ביי איצטיקע אומשטענדן מעגלעך געווען צו טראַכטן אַרויסצוגעבן מיין ווערק אין ענגלישער איבערזעצונג. איר האָט מיר דעמאָלט פאָרגעשלאָגן איך זאָל זיך ווענדן מכוח דעם צו איינעם פון די 'חכמי היהדות', אַ שטייגער צו ישראל דאַווידזאָנען. גראָד צו יענער צייט באַקום איך פון דעם זעלבן דאַווידזאָנען צוגעשיקט זיינע אַן אַרבעט מיט אַ זייער פריינטלעכער צושריפט. באשר ער פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געשיקט מיר די אַרבעט אויס דאַנקבאַרקייט וואָס ער האָט געהאַט לייענדיק מיינע לעצטע 2 בענד (5 און 6). האָב איך דאַן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך געווענדעט צו אים מיט אַ בריוו און אים געפרעגט ווי ער געפינט: צי זענען פאַראַן רעאַלע מעגלעכקייטן מיין געשיכטע זאָל דערשיינען אין ענגלישער איבערזעצונג אָדער דאָס איז נישט מער ווי אַ „חלום שלו שאין לו פתרון" (אַ פאַלשער חלום, וואָס האָט נישט קיין באַשיידונג). דעראויף האָט דאַווידזאָן געענטפערט אָט־וואָס:

ער ברענגט דעם אויטענטישן בריוו אין העברעאיש, וואו דאַווידזאָן שרייבט, אַז ביי אים איז נישט קיין ספק אַז דאָס בוך איז ווערט איבערגעזעצט צו ווערן אין ענגליש אָבער עס זענען פאַראַן שטערונגען אַזעלכע, וואָס די זאַך איז ווי אַ חלום וואָס וועט בקרוב נישט פאַרווירקלעכט ווערן.

דאַווידזאָן שרייבט, אַז אין גאַנץ צפון־אַמעריקע איז נישטאָ אפילו קיין איין פּריוואַטער פאַרלעגער, וואָס זאָל

יעקב גראָסמאַן

# ד״ר י. צינבערגס ווערק — אין ענגליש

דאָס פונדאַמענטאַלע ווערק פון ישראל צינבערג „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״ ווערט איצט אַרויסגעגעבן אין אַן אַקאַדעמישער אויסגאַבע אויף ענגליש. ביז איצט איז שוין אַרויס פון דרוק 6 בענד אין אַ גרויסן פאָרמאַט און בקרוב וועלן דערשיינען נאָך זעקס בענד.

די „געשיכטע״ איז געשריבן געוואָרן אין יידיש, און געדרוקט אין ווילנע אין 1933 און איז אין 1943 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרק. זי נעמט אַרום יידישע גייסטיקע שאַפונג אין העברעאיש און יידיש פון דער אַראַביש־שפּאַנישער תקופה (חסדאי אִיבן שפרוט, אין 10־טן יאָרהונדערט) ביז דער השכלה־באַוועגונג אין פוילן אין 19־טן יאָרהונדערט — אין 8 בענד, 10 טיילן. לעצטנס איז געפונען און פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער 9־טער באַנד, אַרויסגעגעבן אין 1965 פון בראַנדייס אוני־ווערסיטעט און ייווא״אָ. (זע: מיין בוך „עסייען און זכרונות, דער המשך פון אַ גרויס ווערק איז געפונען געוואָרן״.)

די ענגלישע איבערזעצונג איז פון בערנאַרד מאַרטין און אַרויסגעגעבן פון „קעיס וועסטערן רעזערוו, אוניווער־סיטע־פּרעס״, קליוולאַנד, מיט דער פּערמאַנענטער אונ־טערשטיצונג פון דער מעמאָריעל פונדאַציע פאַר יידישער קולטור, קליוולאַנד און לאָנדאָן, ענגלאַנד; גרויסער פאָר־מאַט אַקאַדעמישע אויסגאַבע, מיט גלאָסאַרן פון העברע־אישע און יידישע אויסדרוקן און אַ גענויעם אינדעקס פון נעמען און ערטער, מיט אַ הקדמה פון דעם איבערזעצער.

אַ קורצע ביאָגראַפיע פון דעם לעבן און שאַפן פון ישראל צינבערג וועט אונדז געבן אַן אַריינבליק אין דער וועלט פון דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן מענטש. ער איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל לאַנוויץ, נאָענט פון קרע־מעניץ, פּאָדאָליע אין 1873, פאַרבראַכט זיינע קינדער יאָרן אין שטעטל און געלערנט ביי פּריוואַטע מלמדים און אין חדרים, שטודירט אין אויסלאַנד, געענדיקט אינ־זשיניער־כעמיק אין קאַרלסרוע, דייטשלאַנד, און באַקומען זיין דאָקטאָראַט אין באַזעל, שווייץ. אין יאָר 1898 קומט ער קיין פּעטערבורג און וואוינט שוין דאָרטן ביז 1928.

ער אַרבעט ווי אַ כעמיקער אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דעם פּוטילאָווער זאַוואָד (באַרימטע מעטאַל־פאַבריק אין פּעטערבורג). „ביי טאָג איז ער אין אַ כעמישער לאַ־באָראַטאָריע, ביינאַכט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון גייסט. ביי טאָג — צווישן נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן, ביינאַכט צווישן ספרים און מאַנוסקריפּטן״ (ש. ניגער). שוין אין 1900 האָט ער אָנגעשריבן מאָנאָגראַ־פיעס וועגן יידישע פערזענלעכקייטן (יצחק בער לעווינ־זאָנען און אַנדערע).

ער איז אַ מיטאַרבעטער אין די יידיש־רוסישע זשורנאַלן „וואָסכאָד״ (אויפגאַנג), „פּערעזשיטאָיע״ (דאָס איבערגעלעבטע), „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״ (יידיש אַל־טערטום) און „יידישע וועלט״, וואָס ער איז געווען איינער פון אירע גרינדער (פּעטערבורג־ווילנע, 1912־1915) און „פריינד״, פאַרעפנטלעכט „די געשיכטע פון דעם יידישן דרוקוועזן אין רוסלאַנד״. זיך באַטייליקט אין ערשטן באַנד פון דעם גרויסן זאַמלבוך „די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד און פוילן״, מיט אַ גרעסערער מאָנאָגראַפיע וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, דערשינען בלויז דער ערשטער באַנד אין 1914.

אין 1903 (ביז 1914) הייבט אָן צו דערשיינען די יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע אין 16 בענד (רוסיש), וואו עס נעמען אָנטייל די וויכטיקסטע יידישע געלערנטע פון יענער צייט. שמעון דובנאָוו און ישראל צינבערג זענען די הויפּט רעדאַקטאָרן פון צוויי אָפּטיילונגען — דובנאָוו פון געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, און צינבערג אין אָפּטיילונג 7 — יידישע ליטעראַטור (נאָוואַ יעווריעיסקאַיאַ ליטעראַטוראַ — נייע יידישע ליטעראַטור; העברעאיש האָט געהייסן אין רוסיש דרעווניע יעווריעיסקאַיאַ ליטע־ראַטוראַ — אַלט־יידישע ליטעראַטור.) חוץ דעם זענען אין דער ענציקלאָפּעדיע געדרוקט צינבערגס אַרטיקלען וועגן אַסימילאַציע, השכלה, י. ל. גאָרדאָן, דער ווילנער גאון, משה לייב ליליענבלום, פּרץ סמאָלענסקין, רנ״ק, משה מענדעלסאָן און אַנדערע וויכטיקע יידישע פּערזענ־לעכקייטן.

---

מעלבורן מיט דעם אונטערשיד, וואָס די יידישע יידן — און אפילו די שוין מער יידיש־שפּאַנישע יידן — זענען מער אַקטיוו און מער פּראָדוקטיוו אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן ווי אין מעלבורן און ממילא זענען די יידישע אינ־סטיטוציעס פון אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען אויף אַ העכערער מדרגה ווי ביי אונדז. צוויי ווייטע יידישע פּאָלוסן אָבער אַ סך ענלעכקייטן.

* * *

נאָך מיין באַזוך אין מעקסיקע האָב איך געזען דעם 3־שפּראַכיקן יידישן ישוב אין קאַנאַדע מיט זיינע טייערע גוטע יידישע ישובים: מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג, וועלכע זענען אויך אַ טייל פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער יידישן ישוב. איך האָב באַזוכט, געזען און געשמועסט, גע־הערט און דערציילט אין דעם דינאַמישסטן יידיש־ענגלישן קיבוץ — ניו־יאָרק און דערביי זיך צוגעכאַפּט צו דעם מאַטעריעל־רייכן יידישן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן: יוסטאָן (טעקסאַס), און דאָס אַלץ ווי אַ גאַסט מיט אַ ספּידאָמעטער, וועלכער האָט נישט געזען אפילו אויף אַ קילאָמעטער...

י. אָרבאַך

פון וואַרשעווער געטאָ־מאָנומענט, געמאַכט דורך דעם באַ־רימטן יידישן סקולפּטאָר נתן ראַפּאַפּאָרט. פון צימער צו צימער ציען זיך אויף די ווענט געשיכטלעכע בילדער און פאָטאָס פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין אייראָפּע. כמעט דאָס גאַנצע שפּרודלדיקע יידישע לעבן פון היינטיקן יאָרהונ־דערט אין מזרח־אייראָפּע ווערט איבערגעגעבן אין וואָרט און בילד. אַלע עקספּאָנאַטן האָבן דערביי די געהעריקע צושריפטן און אויפקלערונגען, וואָס גיט אַ קלאָר בילד וועגן דעם יידישן לעבן: זיין גלאַנץ און שוואונג פּעריאָד, וואָס האָט געבליט, געשאַפן און געדייעט ביז דעם שרעק־לעכן נאַצי־חורבן.

דער חורבן־פּעריאָד ווערט אויך איבערגעגעבן אין בילדער און צייכענונגען, וואָס נעמען דיך אַרום מיט אַ געפיל פון דערדריקונג און גלייכצייטיק מיט אַ געפיל פון הייליקייט און פּיעטעט צו די העלדישקייטן פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, סיי אין די געטאָס און פאַרניכטונגס־לאַגערן, אין די וועלדער און אויף די שלאַכט־פעלדער. עס זענען פאַראַן אין דעם דאָזיקן מוזיי אַזעלכע ציפערן און בילדער, וואָס אַ סך פון אונדז געלי־טענע האָבן וועגן דעם נישט געוואוסט.

דער אויפקום פון דער יידישער מדינה פאַרנעמט אַ גאָר גרויסן אָרט אין דעם מוזעאום. פון די בילדער און צושריפטן באַקענט מען זיך מיט אַלע עטאַפּן פון די קאַמפן און דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה.

אַ באַזונדער פּלאַץ אין דעם מוזיי פאַרנעמט די סטאַ־טיסטיק פון אַ יאָרהונדערט יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע. דורך דיאַגראַמען און צייכענונגען אויסגעפירט מיט פּרע־ציזקייט און פּינקטלעכקייט — באַקענט מען זיך מיט דער צאָל יידן — לויט לענדער און קאָנטינענטן — איבער דער גאָרער וועלט פאַרן נאַצי־חורבן און נאָכן חורבן. לויט די דאָזיקע דיאַגראַמען באַקומט זיך דאָס גרוילעכע בילד (וואָס די „נייע היסטאָריקער" פון רעכטס און לינקס באַמיען זיך דאָס אָפּצולייקענען), אַז צווישן די יאָרן 1939 און 1945 האָבן מיר פאַרלוירן זעקס מיליאָן און דריי הונדערט טויזנט יידן...

* * *

דער באַזוך אין מעקסיקע און אין יידישן מעקסיקע איז געווען אַ קורצער. מיר האָבן געזען די שיינקייטן פון די מעכטיקע פּיראַמידן, וועלכע געפינען זיך אַ פּאָר צענד־ליק מייל פון דער הויפּט־שטאָט. מיר האָבן געזען די הערלעכע מוזעאומס און די גרויסע מוראַלן וואָס דערציילן סיי וועגן דער אַלטער קולטור פון די אַצטעקן (6־7 יאָר־הונדערט צוריק) און סיי וועגן דער אַלט־נייער קולטור פון די שפּאַניער. מיר האָבן אויך געזען און געפילט די השפּעה פון דער גרויסער שפּאַנישער ליטעראַטור און קולטור אויף דעם יונגן יידישן דור, וועלכער האָט אויך באַקומען אַ גוטע יידיש־פאָלקישע נאַציאָנאַלע דערציאונג.

און דער עיקר האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַ יידישן ישוב וואָס האָט אַ סך ענלעכקייט צו דעם יידישן ישוב אין

## 1943 כ״ז ניסן תשל״ז 1977

# גרויסע טרויער-אַקאַדעמיע

## צום 34־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

**דאָנערשטיק דעם 14־טן אַפּריל 1977, 8 אַוונט, אין סט. קילדאַ טאַון־האַל**

(די טירן ווערן געעפנט 7 אַוונט)

רעדנער:

**א. זשעלעזניקאָוו** — יידיש

(געטאָ־קעמפער, פּאַרטיזאַנער, פּאַרזיצער פון יוגנט־קלוב אין ווילנער געטאָ)

**ד״ר אַלען אונטערמאַן** — ענגליש

(הלל דירעקטאָר אין וויקטאָריע)

אָרגאַניזירט דורך:
**ראַט פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע**
**יידישער קולטור צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"**
**ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע**
**קאַצעטלער פאַרבאַנד**
**און אַלע אַנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס**

די הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים — זונטיק דעם 17־טן אַפּריל 1977, 2.30 נאָכמיטאָג

די נישט־יידישע רעגירונג־אַמטן — וואָס הייסט „צענטראַל קאָמיטעט פון יידן אין מעקסיקע".

די מעקסיקאַנער קהילה ווערט אָנגעפירט דורך אַ געוויילטן (דורך אַלגעמיינע, פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן) ראַט און עקזעקוטיוו מיט דעם איצטיקן פּרעזידענט, דער אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער פר. שמשון פעלדמאַן. די טעטיקייט פון דער קהילה איז איינגעטיילט אין פאַרשידענע קולטור און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע דעפּאַרטאַמענטן. אין איינער פון די דאָזיקע אָפּטיילונגען איז טעטיק דער באַקאַנטער יידישער דיכטער יעקב גלאַנץ, וועמענס פּאָעמעס זענען דערשינען אין איניקע בענדער און זיינע האַרציק־קרעפטיקע לידער ווערן געדרוקט אין די פּעריאָדישע אויסגאַבן פון דער וועלט. צו דער גרויסער און אַלזייטיקער קהילה־טעטיקייט האָבן דערפירט אַלע שיכטן און פּאַרטייען, וואָס זענען טעטיק אין יידישן מעקסיקע. די טעטיקייט פון דער דאָזיקער קהילה איז אין גייסט פון טראַדיציע, וועלטלעכקייט און אַ פילפאַרביקע קולטור־אויסלעבונג.

אַ גאָר שיינעם איינדרוק מאַכט דער זיצונג־זאַל פון דער קהילה, מיט אַ גרויסן קיילעכדיקן טיש פאַר די 45 ראַטמענער און אויך פאַר איינגעלאַדענע געסט צו די זיצונגען. דאָס אויג ווערט פאַרכאַפּט פון דעם גרויסן מיטינג־זאַל וואָס קען אַריינגעמען העכער 1000 מענטשן. דאָרטן ווערן טאַקע איינגעאָרדנט סיי די געטאָ־אַקאַדעמיעס און סיי די יום־העצמאות־סייערונגען.

באַזונדערס ווערט אונטערצושטרייכן איז די פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט ביי דער קהילה, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דעם באַקאַנטן אינטעלעקטועלן יידישן קולטור־טוער, דעמאָגראַף און פּרעלעגענט פריינד טוביה מייזעל. (טוביה מייזעל האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע לעקציעס בען זיין באַזוך אין אויסטראַליע אַלס דער קולטור־גאַסט פון דער „קדימה".) נישטאָ קיין געביט פון קולטור־טעטיקייט וואָס אָט דער דעפּאַרטאַמענט זאָל נישט אַרומנעמען. דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט אָרדנט איין פאַרלעזונגען און וואָרט־קאָנצערטן פון לאָקאַלע אַרטיסטן און מיט געסט פון אויסלאַנד; ער שטיצט יידישע גאַסט־אַרטיסטן און העלפט אויך די היימישע אַרטיסטישע כוחות, אַז זיי זאָלן דורכפירן פאָרשטעלונגען פון פאַרשידענעם רעפּערטואַר. דער דעפּאַרטאַמענט אָרדנט איין די יום־העצמאות פייערונגען אויף אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם מיט צוגעפּאַסטע קינסטלערישע פּראָגראַמען. גאָר ספּעציעל לייגט דער דאָזיקער קולטור־דעפּאַרטאַמענט אַכט אויף די געטאָ־אַקאַדעמיעס, וואָס ווערן דורכגעפירט מיט אַ גרויסן קינסטלערישן פּראָגראַם צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פון אַ נאַציאָנאַלן טרויער־אָוונט.

ביי דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט עקזיסטירט אַ כאָר א"נ „הזמיר" (דעם זעלבן נאָמען ווי אונדזער כאָר ביי דער „קדימה"), מיט אַ זייער טאַלאַנטפולן יידישן דיריגענט (אַבעל אייזענבערג), וועלכער טרעט אויף יערלעך מיט קאָנצערטן און נעמט אָנטייל — מיט ליד און געזאַנג — אין אַלע יידישע קולטור־אונטערנעמונגען. כדאי צוצוגעבן, אַז אין די מיינסטע קולטור־אימפּרעזעס, וואָס דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט אָרדנט איין, נעמען אָנטייל שילערינס פון דעם יידיש־העברעאישן לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה, וועלכער גרייט צו און האָט שוין צוגעגרייט צענדליקער יידישע לערערינס און לערער פאַר די יידישע שולעס אין מעקסיקע.

די קרוין פון דער דאָזיקער אַלזייטיקער יידישער קולטור־אַרבעט, זענען די יערלעכע פעסטיוואַלן פאַר יידישער מוזיק און יידיש ליד (15 אַזעלכע מוזיק־פעסטיוואַלן זענען שוין ביז איצט דורכגעפירט געוואָרן). צו די מוזיק־פעסטיוואַלן ווערן איינגעלאַדן די בעסטע יידישע קינסטלער פון דער וועלט, ווי מוזיקער, זינגער, חזנים, וואָרט־קינסטלער און שוישפּילער. עס איז נישטאָ כמעט קיין איין יידישער קינסטלער — „פון אַלע פאַכן" — פון דרום און צפון־אַמעריקע, ישראל און אייראָפּע — סאָוויעט־רוסלאַנד אַריינגערעכנט — וואָס זאָלן נישט האָבן אָנטייל גענומען אין די דאָזיקע יידישע מוזיק־פעסטיוואַלן אין מעקסיקע.

פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם הויכן קינסטלערישן ניוואָ פון די דאָזיקע פעסטיוואַלן, ווערן זיי פּאַטראָניזירט און סובסידירט דורך דער קונסט־אָפּטיילונג ביים מעקסיקאַנער בילדונגס־מיניסטעריום און ווערן דורכגעפירט אין איינעם פון די שענסטע טעאַטער־זאַלן אין מעקסיקע־סיטי — „בעיאַס אַרטעס", נאַציאָנאַלער טעאַטער פאַר שיינער קונסט, וואָס דאָס באַדייט, אַז די דאָזיקע יידישע מוזיק־פעסטיוואַלן זענען אויך אַ גרויסער קולטור־צושטייער פאַר דעם גאַנצן לאַנד.

אַז איך דערצייל שוין וועגן דער אומדערמידלעכער אַרבעט, וואָס פריינד מייזעל לייגט אַריין אין זיין קולטור־דעפּאַרטאַמענט, מוז איך מיט אַ ציטער אין האַרצן איבערגעבן דאָס אייגנאַרטיקסטע, דאָס איינדרוקפולסטע וואָס האָט געמאַכט אויף מיר און מיין פרוי — דאָס איז דער מוזעאום אין דעם מעקסיקאַנער קהילה־בנין.

דער מוזעאום איז געווידמעט דעם יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, חורבן פון יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע און דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל. געשאַפן האָט אים דורך בילד, סקולפּטור און וואָרט דער טייערער יידישער קולטור־טוער טוביה מייזעל. מיינע פריינד אין מעקסיקע רעדן וועגן דעם דאָזיקן מוזעאום מיט גרויס פּיעטעט, און ווי זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, האָט טוביה מייזעל געאַרבעט אויף דעם דאָזיקן אוניקום־מוזיי העכער 3 יאָר. אונטער זיינע אָנווייזונגען (און אויך ער אַליין) האָט מען געזאַמלט און סאָרטירט דעם מאַטעריאַל און געגעבן די געהעריקע אָנווייזונגען פאַר די בילדער און סקולפּטורן. די קהילה האָט צוגעטיילט אַ באַזונדער טייל פון איר בנין (הגם לויט מיין מיינונג אַ ביסל צו קליין) פאַר דעם דאָזיקן איינדרוקפולן „יידישן היסטאָרישן מוזיי ביי דער קהילה אויפן נאָמען פון טוביה מייזעל".

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער דאָזיקער איינדרוקפולער יידישער היסטאָרישער מוזעאום?

גלייך ביים אַריינגאַנג געפינט זיך אַ רעפּראָדוקציע

זען דאָס אומבאַקאַנטע אַצטעקיש־שפּאַניש לאַנד מיט אירע גרויסע רעוואָלוציעס פון אַ מאָל און אויך די לעצטע גרויסע געשעענישן. מיר האָבן אויך געוואָלט זען דעם קליינעם מעקסיקאַנער יידישן ישוב, מיט זיינע אינטענסיווע יידישע אַקטיוויטעטן און ועל כולם: מיר האָבן זיך געוואָלט טרעפן מיט אונדזער יוגנט־חבר פון גראָדנע משהל רובינשטיין, זשורנאַליסט און קולטור־טוער פון יידישן מעקסיקע, וועלכער איז דער רעדאַקטאָר פון דער 3־מאָל אַ וואָך צייטונג „די שטימע״, וואָס האָט אַ שם אין יידישן און נישט־יידישן פּרעסע־וועזן אין מעקסיקע, ווי אויך אין דער יידישער וועלט־פּרעסע.

משהל רובינשטיין איז איינער פון די קאָלירפולסטע אַלזייטיקע קולטור־טוער אין יידישן מעקסיקע. מיט זיין גלענצנדער דינאַמישער פּען און מיט זיינע אָפּשאַצונגען און מיינונגען, האָט ער זייער אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון די הערלעכע יידישע אינסטיטוציעס וואָס עקזיסטירן דאָ. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ כלל־טוער, קולטור־טוער און גייסטרייכער דענקער. ער האָט באַאיינפלוסט און אַרויסגערופן פאַרערונג ביי אַלע קרייזן פון מעקסיקאַנער יידישן ישוב. ער איז אויך דער מחבר פון אייניקע יידישע ביכער און דער קאָרעספּאָנדענט פון יידישע צייטונגען איבער דער פרייער יידישער וועלט. טאַקע אַ דאַנק מיין יוגנט חבר האָב איך און מיין פרוי געהאַט די מעגלעכקייט אין אונדזער קורצן זעקס־טאָגיקן באַזוך אין מעקסיקע צו זען, אין אַ געוויסער מאָס, דאָס נישט־יידישע מעקסיקע און אין אַ גרעסערער מאָס זיך באַקענט מיט דעם יידישן לעבן און אויך געזען די יידישע הויפּט־אינסטיטוציעס אין מעקסיקע־סיטי.

אין מעקסיקע זענען אין לעצטן יאָרהונדערט פּאָרגעקומען גרויסע פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן. צום היינטיקן טאָג איז די רעגירונג און די רעגירונגס־פּאַרטיי אַ ליבעראַל־נאַציאָנאַלע מיט נייגונגען און טענדענצן פאַר דער „דריטער וועלט״ און אויך אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו די נייע פּריצים מיט זייערע פּעטראָ־דאָלאַרן... די לעצטע חדשים פון פאָריקן יאָר האָט דאָס לאַנד דורכגעמאַכט אַ דעוואַלואַציע פון דער מעקסיקאַנער פּעזע אין באַצוג צום אַמעריקאַנער דאָלאַר אויף גאַנצע 60 פּראָצענט און דאָס האָט פאַרשטענדלעך אַרויסגערופן אַן עקאָנאָמישן קריזיס. די אַמעריקאַנער שכנים באַמיען זיך צו העלפן עקאָנאָמיש דאָס לאַנד מיט אַלע מעגלעכקייטן, אָבער וואָס מער זיי גיבן אַלץ מער זידלט מען זיי. דאָס אַלטע פאָלקס־וואָרט: „מען האָט פיינט דעם געבער״ איז ביי מעקסיקאַנער פון אַלע שיכטן אַ מין נאַציאָנאַלע הערשקייט אין אַ נעגאַטיוון זין סיי עקאָנאָמישע און סיי פּאָליטיש.

דער לעצטנס געוויילטער פּרעזידענט לאָפּעז פּאַרטיאַן און זיין נייע רעגירונג פאַרמעסטן זיך צו לינדערן דעם קריזיס און אויך סאַנירן די ווירטשאַפט פון לאַנד. אין אַלגעמיין איז דאָס לאַנד און איר באַפעלקערונג אויף אַ גאָר נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט. נישט קוקנדיק אויף די הערלעכע מוזעאומס, אוניווערסיטעטן מיט זייערע גרויסע וואַנט מאָלערייען און גראַנדיעזע סקולפּטורן — איז אַ גרויסער פּראָצענט פון דער באַפעלקרונג אַנאַלפאַבעטן און נאָר אַ קליינער שיכט פון מיטעלן און העכערן קלאַס זענען די בעלי־בתים פון לאַנד, וואָס טרינקען ווייַן און פרעדיקן לינקיזם...

מיר האָבן נישט געקענט באַזוכן און זען די פיר יידישע טאָג־שולן, ווייל עס איז געווען סוף־יאָר וואַקאַציעס און די יידישע טאָג־שולן — פּונקט ווי אַלע אַנדערע שולן — זענען געווען געשלאָסן. אונדזערע אינפאָרמאַציעס וועגן די דאָזיקע יידישע טאָג־שולן מיט זייערע הערלעכע געביידעס האָט אַרויסגערופן גרויס פרייד און איבעררעשונג. עס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַזאַ קליינער יידישער ישוב האָט געקאָנט דאָס אַלץ אַדורכפירן און פאַרווירקלעכן.

דער דאָזיקער קליינער יידישער ישוב האָט אויפגעבויט אַ יידשן ספּאָרט־ און קולטור־צענטער, וואו עס טרעפן זיך צוזאַמען אַלע יידישע שיכטן אין מעקסיקע־סיטי. עס איז אַ שטעטל מיט בנינים און ריזיקע גרינע פרייע פּלעצער. דאָרטן זענען פאַראַן איינגעריכטונגען פאַר אַלע מינים ספּאָרט. גרויסע, פּרעכטיקע זאַלן פאַר חתונות און קולטור־אונטערנעמונגען; אַ קינאָ און טעאַטער־זאַל איינגעאָרדנט ביז גאָר מאָדערן; דער שווים־באַסיין איז קאָפּירט פון די אָלימפּישע פאַרמעסטונגען און דער פּלאַץ פאַר אויטאָס איז אויסגערעכנט אויף 1000 אויטאָס. דער יידישער ספּאָרט־קולטור־צענטער פאַרנעמט אַ געוואַלטיק גרויסן שטח און דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקרונג אין מעקסיקע־סיטי — אַלט און יונג — קומען אין די סוף־וואָכטעג אין דעם צענטער זיך פאַרווילן, אָפּרוען; הערן לעקציעס, מאַכן ספּאָרט, לייענען צייטונגען פון דער גאָרער וועלט און אויך אַרויסנעמען ביכער פון דער ביבליאָטעק.

דער יידישער ספּאָרט־קולטור צענטער איז אַ וועלטלעכע אינסטיטוציע, און זיינע כלל־טוער זענען פון יונגערן דור. זייערע לעצטע אויפטוען זענען דאָס שאַפן ביים צענטער 2 קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס צום דאַוונען מיט חזנים און ראַביס פון צפון־אַמעריקע.

אַ חוץ די „יונגע״, וועלכע פירן אָן מיט דעם גרויסן פּרעכטיקן יידישן ספּאָרט־קולטור צענטער, פירן אָן די „אַלטע״ מיט העכער 20 אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן פון אַלגעמיינעם יידישן כאַראַקטער. דער יידישער ישוב אין אַלגעמיין באַציט זיך זייער וואַרעם צו זיינע אינסטיטוציעס און די באַשטייערונגען פאַר די דאָזיקע הצטרכותן זענען גאָר באַדייטנדיקע. די באַשטייערונגען פאַר מדינת־ישראל זענען אַ סך און אַ סך גרעסער ווי פאַר די אָרטיקע באַשטייערונגען. זיי ציילן זיך אין מיליאָניקע דאָלאַרן.

דער הויפּט־צענטער פון אַלע יידישע טעטיקייטן און אַקטיוויטעטן געפינט זיך אין דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, וואָס רופט זיך „אשכנזישע קהילה אין מעקסיקע״. דער מעקסיקאַנער יידישער ישוב האָט אויך אַ ספּעציעלע רעפּרעזענטאַטיווע אינסטאַנץ — לגבי

י. אַרבאַך

# אַ בליק אויף יידיש לעבן אין דער וועלט

(רייזע איינדרוקן)

מיר לעבן אין זייער אַ שטורמישער צייט און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די קרוב 15 מיליאָן יידן — צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דריי און אַ האַלבן מיליאַרד אין דער וועלט — מאַכן מיט דעם דאָזיקן „שטורם־און־דראַנג" פעריאָד. וויל איך זיך טיילן מיט די לייענער פון די „מעלבורנער בלעטער" מיט מיינע איינדרוקן פון אַ רייזע איבער אַ ריי גרעסערע און קלענערע יידישע ישובים, וואָס וועלן וואַרפן אַ קליינעם אָפשיין אויף די פּראָבלעמען פון יידישן קיום.

## לאָס־אַנדזשעלעס

נאָכן פליען העכער 26 שעה פון מעלבורן, זענען מיר אָנגעקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס, די הויפּט־שטאָט פון קאַליפאָרניע מיט אַ יידישן ישוב פון העכער 500,000 יידן. און דער ערשטער צוזאַמענטרעף מיינער איז געווען נישט מיט קיין יידישן תושב פון לאָס־אַנדזשעלעס, נאָר דווקא מיט טייערע און האַרציקע פאָלקס־יידן פון דעם מעלבורנער יידישן ישוב, די פריינד רעגינאַ און יאַנעק לעווין, וואָס זענען נאָך אַלץ באַהויכט מיט דער „נעכטיקער" יידישער אַטמאָספער פון מעלבורן, נישט געקוקט אויף זייער פולבלוטיקער „יענקישער" בירגערשאַפט. זייער „הכנסת־אורחים" שטייגער — ספּעציעל צו זייערע מעלבורנער לאַנדסלייט — דערגייט צו דער העכסטער מדרגה פון פריינטלעכקייט.

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל וויל איך זיך נישט אָפּשטעלן באריכות וועגן דער שיינקייט פון דער דאָזיקער זוניקער שטאָט מיט אירע גאַסן און הערלעכע בולוואַרן, מיט איר גרעסטן מוזיק־צענטער, מיט דעם באַרימטן כינעזישן טעאַטער, וואו עס קומען מיליאָנען באַזוכער — נישט צו זען דעם דאָזיקן עקזאָטישן טעאַטער — נאָר בלויז צו כאַפּן אַ בליק אויף די פאַרשידענע פוס־אָפּדרוקן פון די באַרימטע פילם־סטאַרן פון „בעווערלעי הילס", וועלכע זענען פאַרזערווירט אין צעמענט.

עס געפינען זיך דאָ אויפגעקומענע יידישע מיליאָנערן, די געוועזענע פּליטים פון די היטלער־ און סטאַלין־לאַגערן, וועלכע האָבן אַ גרויסע ליבשאַפט צו זייערע אַלטע יידיש־היימישע מאכלים, אָבער שוין ווייט פון ליבשאַפט צו זייער היימיש מאַמע־לשון און אויך נישט קיין ליבשאַפט צו זייער אַמאָליקער יידיש־היימישער דערציאונג...

פון מיין קורצער אָבסערוואַציע און אויך פון מיינע קורצע און לענגערע געשפּרעכן, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז דער גאַנג פון דעם גרויסן יידישן קיבוץ אין קאַליפאָרניע בכלל און פון דעם אַקטיוון יידישן ישוב אין לאָס־אַנדזשעלעס בפרט, איז פון אַ גרויסער טראַנספאָרמאַציע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ באַמיאונג צו פאַרלייכטערן די אינטעגראַציע פון דעם שטאָלצן אַמעריקאַנער יידנטום אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער, נישט־יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע אינטעגראַציע איז נישט פון דעם שמענדריקישן־אַסימילאַטאָרישן כאַראַקטער, עס איז אַ נייע יידישע „דאָאיקייט", וואָס וויל באַרייכערן דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבנס־ניוואָ מיט די גרויסע יידישע אידעאַלן פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן כאַראַקטער.

די אַקטיוויטעטן פון דעם גרויסן יידישן ישוב אין לאָס־אַנדזשעלעס און אויך פון די אַנדערע קלענערע יידישע ישובים אין קאַליפאָרניע זענען אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם אויסשליסלעך אין דער לאַנד־שפּראַך ענגליש. און צום באַדויערן, איז דער מעכטיקער שטראָם פון דער לאַנד־שפּראַך און פון דער לאַנד־קולטור שטאַרקער פון אַלע באַמיאונגען פון די קשה־עורפניקעס — יידישיסטן און יידישע קולטור־טוער. די גרוסן וואָס איך האָבן אויפגענומען פון די אַנדערע טיילן פון יידישע ישובים אין דעם מערבדיקן און צפונדיקן טייל פון אַמעריקע — אַ חוץ ניו־יאָרק — זענען כמעט ענלעך צו דעם ישוב פון לאָס־אַנדזשעלעס אין אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע און סינאַגאָגאַלע טעטיקייטן.

## מעקסיקע־סיטי

נאָך לאָס־אַנדזשעלעס איז געקומען מעקסיקע. די סיבה פון אַריינפאָרן קיין מעקסיקע־סיטי, נישט באַזוכנדיק פריער אַנדערע יידישע ישובים אין צפון־אַמעריקע, האָט אירע טעמים: סיי איך און סיי מיין פרוי האָבן געוואָלט

טעריש און פּאָליטיש, גייען מיט דער צייט אונטער און ווערן איינגעשלונגען דורך נאָך שטאַרקערע און רויבערישע פעלקער; אָבער אַ נאַציע וואָס איז אפילו פּאָליטיש שוואַך, אָבער גייסטיק שטאַרק — אַזאַ נאַציע וועט איינהאַלטן איר לעבנס־פעאיקייט און אייניקייט ביי אַלע מעגלעכע באַדענגונגען... די לעבנס־קראַפט פון דער נאַציע איז נישט אין איר אויסערלעכער מאַכט, נאָר אין איר גייסט ... פּאָליטישע נאַציעס עקזיסטירן צייטווייליק, גייסטיקע אייביק" (דובנאָוו, ב' 1, ז' 241).

אָבער דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ נייער דיסקוסיע, וואָס האָט שוין נישט קיין שייכות צום „צום גדליה".

י. קאַהאַן

סיבה, וואָס האָט משפּיע געווען אויף די ווירקונגען קענען נאָך אָנהאַלטן אויך שפּעטער, אַפילו ווען די סיבה איז געווען אַ פּאַרטיי, וועלכע איז אומגעקומען. אָבער איר אויסווירקונג לעבט נאָך ווייטער ביי געוויסע פּערזאָנען אָדער גרופּן.

אין אונדזער היסטאָרישן פאַל, האַנדלט זיך וועגן דער אויפשטאַנד־פּאַרטיי אין דער צייט פון חורבן בית־ראשון. דער מאָרד איז נישט געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי (זי האָט שוין בעת דעם מאָרד איבער זכריהון נישט עקזיסטירט), אָבער די אויסווירקונג פון דער אויפשטאַנד־פּאַרטיי האָט נאָך פּערמענטירט אין לאַנד און ווי אַ רעזולטאַט פון איר האָט געקענט קומען דער מאָרד, ווי עס שרייבט דובנאָוו („צוליבן פּאַרלאַנג ווידער אַרויסצורופן אַ פּאָלקס־אויפשטאַנד").

איך גלויב, אַז עס איז דאָ נויטיק אויפצומישן אָט דעם אוראַלטן קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע, וואָס ווערט באַוויזן, אַז איך האָב נישט געשטיצט זיך אויף קיין „פיקציע" נאָר אויף געשיכטלעכע פאַקטן, וועלכע האָבן געשאַפן דעם קלימאַט פאַר דעם עקסטרעמיזם פון דער פּאַטריאָטישער אויפשטאַנד־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעבילדעט אין ירושלים, און דער קעניג חזקיה איז לסוף געווען גענייגט זיך אָנצושליסן אין איר.

קעגן דער אַוואַנטוריסטישער „הויף־פּאָליטיק" פון קעניג מיט זיינע יועצים, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן דער נביא ישעיה מיט זיינע אָנהענגערס. ער האָט פאָראויסגעזאָגט דאָס, וואָס איז טאַקע שפּעטער געשען, ווען די אַסירער האָבן זיך אַריינגעריסן אין יהודה און פאַרוויסט אירע שטעט און דערפער.

די אימפּעריע וואָס האָט פאַרניכטעט די צפון־מלוכה אין ישראל, די אַסירישע מאָנאַרכיע, איז צעפאַלן געוואָרן און עס איז אויפגעשטאַנען בבל, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו ווערן די נייע וועלט־הערשנדיקע מיליטערישע גרויס־מאַכט. עס שרייבט דובנאָוו: „האָט זיך (צו יענער צייט) אויסגעבילדעט אַ פּאַרטיי פון קריגעריש־געשטימטע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן געפּאָדערט צו שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד דעם נייעם דעראָבערער". אָבער קעגן דער דאָזיקער פּאָליטיק זענען אַרויסגעטראָטן דער נביא ירמיה און זיינע אָנהענגער. זיי האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז דער נישט גלייכער קאַמף מיט דעם אַלמעכטיקן בבל קען אין גאַנצן אומברענגען יהודה, ווי דער קאַמף מיט די אַסירער האָט אומגעבראַכט שומרון און „...ס'איז זינלאָז צו שטעלן אין קאָן די עקזיסטענץ פון אַ פאָלק..."

דובנאָוו שילדערט דעם פאַרשאַרפטן אינערלעכן קאַמף צווישן די אויפשטאַנד־אָנהענגערס און ירמיהס שלום־פּאַרטיי. דער קעניג (צדקיה) האָט זיך צו ערשט געוואַקלט, אָבער לסוף איז ער באַווירקט געוואָרן פון „די פּאַטריאָטן פון דער מלחמה־פּאַרטיי" אויפצוהערן צאָלן נבוכדנאָצרן צינזן.

דער נביא האָט געוואָרנט דעם קעניג, אַ ס'איז בעסער די יידן זאָלן אָננעמען די הערשאַפט פון בבל איידער מאַכן אַן אויפשטאַנד און זיין אויסגעשטעלט אויף אַ פולשטענדיקער פאַרניכטונג.

מיר ווייסן זייער גוט וועלכע פּאַרטיי איז גערעכט געווען: צי די מעסיקע שלום־פּאַרטיי, וואָס האָט פאָרויסגעזען דעם אָנקום פון דער קאַטאַסטראָפע און האָט געוואָלט דורך נאָכגיביקייט מילדערן די קראַפט פון קלאַפּ און כאָטש עפּעס ראַטעווען, אָדער די פּאַרטיי פון עקסטרעמיזם וואָס האָט דערקלערט ירמיהן פאַר אַ פאַררעטער „אַ שונא פון פאָלק"! און ירמיהו, דער גרויסער נביא און פאָלקס־טריבון, וואָס האָט פאַרקערפּערט דעם פאָלקס־געוויסן, האָט געדאַרפט איבערטראָגן מוראַדיקע ליידן...

אויך נאָכן אונטערגאַנג פון דער מלוכה, זענען נאָך געבליבן פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג און זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם שונא. אָבער ווען גדליה איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער, זענען זיי געקומען צו גדליהון און געגעבן אַ צוזאָג צו פירן אַ פרידלעכן לעבנס־שטייגער. דובנאָוו שילדערט גדליהון ווי ירמיהס אַ פריינד און אָנהענגער. ער האָט געהערט צו דער פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגענומען די באַביליאָנישע הערשאַפט, ווי אַן אומפאַרמיידלעכן גורל! און דעריבער האָט דער קעניג אים אויסגעוויילט פאַר זיין שטעלפאַרטרעטער אין יהודה.

דובנאָוו גיט אַ בילד וועגן דעם בהדרגהדיקן ווידער־אויפבוי פונעם לאַנד: „אונטער גדליהוס פאַרוואַלטונג, האָט דאָס וויסט־געוואָרענע לאַנד גענומען קומען צו זיך פון די שווערע קלעפּ. די לאַנד־איינוואוינער וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן פאַרן שונא האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע דערפער און ווידער גענומען באַאַרבעטן די ערד. אָבער אָט דעם פרידלעכן ווידער־אויפבוי אויף אייגענער ערד האָט צו נישט געמאַכט דער פרינץ ישמעאל בן נתניה — צי מחמת פּערזענלעכער קנאה אָדער צוליבן פאַרלאַנג ווידער אַרויסצורופן אַ פאָלקס־אויסשטאַנד". (דובנאָוו).

דאָס איז דער חשבון הנפש, וואָס האָט פאַר אונדז פיינלעכע אַקטועלע עכאָס און פאַרקערפּערט די היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע באַדייטונג וואָס ליגט אינעם תענית וואָס טראָגט דעם נאָמען „צום גדליה".

איך וועל דאָ נישט איבערחזרן די שילדערונג, וואָס דובנאָוו גיט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען יהודה און ירושלים נאָך נבוזראַדנס שטראָף־עקספּעדיציע. נבוכדנאָצרס רשעות און נבוזראַדנס אכזריות האָט זיך טיף איינגעקריצט אין פאָלקס־זכרון. אָבער דער אַקט פון דעם פרינץ ישמעאל מיט זיין מאָרד־סוויטע האָט געגעבן זיין ביישטייער צו דער לעצטער פאַרוויסטונג נאָך דער שטראָף עקספּעדיציע צוליבן פאַררעטערישן מאָרד...

* * *

דובנאָוו גיט אַזאַ מאָטיווירונג דער גרונט־אידיי פון דער נביאישער לערע וועגן קיום האומה נאָכן חורבן פון דער מלוכה: „...נאַציעס וועלכע זענען נאָר שטאַרק מילי־

יצחק קאַהאַן

# דער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער אינהאַלט און הינטערגרונט פון „צום גדליה״

(מיין ענטפער צו דר. מ. פערשטענדיק)

אין זיין אַרטיקל „דער מאָרד איבער גדליהון — פאַקטן און פיקציע״ („מעלבורנער בלעטער״ 6 (7) פאָלעמיזירט מיט מיר ד״ר פערשטענדיק מיט מיין אויסטייטשונג פון די סיבות, וואָס האָבן דערפירט צום מאָרד איבער גדליהון.

ווען מיר באַלד זען צי מיין אויסטייטשונג שטיצט זיך אויף פיקטיווע „פאַקטן״, אָדער אויף היסטאָרישע פאַקטן און שילדערונגען, וועגן וועלכע יעדער איינער קען זיך איבערצייגן, ווען ער וועט נאָר מעיין זיין אין דובנאָווס געשיכטע באַנד 1.

קודם וויל איך אָפּפרעגן ד״ר פערשטענדיקס „אויפקלערונג״ וועגן די מאָטיוון פון דעם פּראָקלאַמירטן „צום גדליה״. די מאָטיוון, ווי ער שרייבט, זענען געווען נאָר צוליב אַ „לאָיאַליטעט־צייגעניש פאַר נבוכדנצרן, אַ טרויער־טאָג נאָכן מאָרד נישט פון אַ גדליהו, נאָר פון נבוכדנצרס גובערנאַטאָר״. דאָס איז דער פּאָליטישער כאַראַקטער. און ער גיט אויך אָן אַ רעליגיעזן: גאָט זאָל זיי באַשיצן פון נבוכדנצרס צאָרן.

אויב דאָס זאָל זיין די פאַקטישע סיבות פון דעם „צום גדליה״, וואָלט אַזאַ תענית געקענט אָנהאַלטן נאָר פאַר יענעם דור, אָבער נישט דריטהאַלבן טויזנט יאָר! די וואָס האָבן פּראָקלאַמירט דעם תענית, האָבן זיכער געהאַט אין זינען אַ היסטאָריש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט, וועלכער האָט אים געגעבן אָט דעם לאַנגן דויער צו טרויערן יאָר־איין יאָר אויס דעם דריטן טאָג אין תשרי.

עס שרייבט ד״ר שלמה ביקל אַזוי וועגן אָט דעם תענית:

„דער „צום גדליהו״ איז געוואָרן אַ פאָלקס־אינסטיטוציע און האָט זיך איינגעוואָרצלט אין געמיט פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער געשיכטע, ווייל אויב נישט פון דור צו דור, איז פון תקופה צו תקופה, שטייט אויף דער היפּער־פּאַטריאָט... און פּראָקלאַמירט פאַר אַ פאַררעטער דעם נביא ירמיה... און מאָרדעט גדליהון... — איז דער מאָרד איבער גדליהו... געוואָרן אַ פאָלקס־אומגליק און אַ סימבאָל פון אַ פּאָליטישער שיטה... אַ פּאָליטישע און אַ רעליגיעזע, וואָס גייט דורך זינט דעמאָלט איבער אַלע צייטן פון אונדזער געשיכטע און טראָגט אין זיך די זינד פון „לייכטזיניקייט און האַרטנעקיקייט״. זיין אויספיר: „פּרינץ ישמאעל, אונטער כלערליי אַנדערע נעמען, פון דור צו דור און ביז אונדזער אייגענעם דור, מאָנאָפּאָליזירט דעם הונדערטפּראָצענטיקן פּאַטריאָטיזם, איז מחרים אַלע, וואָס ער האַלט נישט פאַר הונדערטפּראָצענטיק און — ער דערפירט אָפט צו יענעם בילד פון חורבן און פאַרוויסטונג נאָך נבוזראדנס שטראָפעקספּעדיציע״.

איך האָב געבראַכט די לענגערע ציטאַטע אין וועלכער עס איז פאַרשפּיגלט דער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער הינטערגרונט און מאָטיוו פון „צום גדליה״, וואָס איז אַ „תענית קעגן עקסטרעמיזם״. און איך בין מסכים מיט דר. ביקלס אויספיר: „אויפן חורבן ירושלים, דורך נבוכדנצרן און טיטוסן, טרויערט דאָס פאָלק דעם 9־טן טאָג אין חודש אב, אָבער אויף דעם אינעווייניקסטן טעראָר פון פּאַטריאָטן, וואָס ווילן אויפן חשבון און אָפט קעגן ווילן פון פאָלק ריזיקירן אַלץ (דאָס לעבן פון טויזנטער נפשות און אַ דורות־לאַנגע פאַרוויסטונג פון לאַנד און פאָלק) כדי צו דערגרייכן זייערס — אויף דעם קלאָגט דער תענית פון דריטן טאָג אין תשרי״.

אין די שורות איז דאָ פיל מער ווי אַ רמז אויף דעם, וואָס קומט היינט פאָר אָבער איך בין נישט געגאַנגען אַזוי ווייט.

איך האָב אויסגעמיטן עפּיטעטן („טעראָר פון פּאַטריאָטן״) און אָביעקטיוו אַנאַליזירט אַ קאַפּיטל פון אונדזער אור־אַלטער געשיכטע מיט די אינערלעכע קאַמפן און באַצייכנט דעם מאָרד איבער גדליהון ווי אַ „רעזולטאַט פון דעם עקסטרעמיזם פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי״. איז ד״ר פערשטענדיק נישט מסכים מיט מיין אויספיר. דאָס איז זיין רעכט. אָבער ווען ער ציטירט דובנאָוון וועגן די סיבות פון מאָרד, דאַרף ער נישט בלייבן שטיין אין מיטן זאַץ: „פּערזענלעכע קנאה״, נאָר אויך צוגעבן דעם סוף פון דעם זאַץ: „אָדער צוליבן פאַרלאַנג ווידער אַרויסצורופן אַ פאָלקס־אויפשטאַנד״ (דובנאָוו, ב״1, ז״ז 286־287). און ווען איך שרייב „אַ רעזולטאַט״ — מיין איך נישט פאַרבינדונג! און ד״ר פערשטענדיק דאַרף נישט אַריינלייגן מיר ווערטער אין מויל, וועלכע איך האָב נישט באַנוצט.

איך האָב נישט געשריבן, אַז דער מאָרד איבער גדליהון איז געווען פאַרבונדן מיט אַ „פּאַטריאָטישער פּאַרטיי״, נאָר כ׳האָב געשריבן — „א רעזולטאַט פון דעם עקסטרעמיזם פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי״... צווישן „רעזולטאַט״ און „פאַרבינדונג״ איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד!

אַ רעזולטאַט איז אַ פּועל־יוצא פון אַ באַשטימטער

[illegible]

[illegible] ווי מיר ווייסן, איז שטאַרקער ווי אַ דין. טראַדיציע איז אַנשטעקנדיק, האָט אַ מאַגנעטישן כוח, און איבט אויס אַ גרויסן איינפלוס אויפן יחיד אין דער סביבה.

„קדימה" איז געוואָרן, און ספּעציעל אין די לעצטע פופצן יאָר, ווען זי האָט זיך איבערגעצויגן אין דער נייער געביידע, דער טעמפּל פון מאָדערנער יידישקייט. די נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און קולטורעלע באַוועגונגען ביי יידן וואָס האָבן רעוואָלוציאָניזירט דאָס יידישע לעבן אין דער אַלטער היים, האָבן אויך געהאַט אַן איינפלוס אויף דער געשטאַלטונג און פאָרמירונג אויפן כאַראַקטער פון „קדימה". בלייבנדיק אַליין אומפּאַרטייאיש, איז זי אָבער געווען עמפּפינדלעך אויף די פּאָליטישע און קולטורעלע וויברירונגען און דערשיינונגען פון אונדזער אַלטער היים. דאָס דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן צום גוטן אויף איר קוואַליטעט. עס זענען געווען מאָמענטן, דאָ און דאָרטן אין דער 36־יאָריקער עקזיסטענץ, ווען געוויסע פּאָליטישע ריכטונגען האָבן זיך באַמיט אָנצוטאָן אַ פּאַרטייאישן מאַנטל דער „קדימה". דאָס זענען געווען אירע שאָטן־זייטן. אָבער דאָס זענען צייט־אָפּשניטן, וואָס זענען אַוועק אין דער געשיכטע. דער מאָטאָ פון „קדימה" איז געבליבן: „בלייב דיר אַ פּאַרטיי־מענטש ביי זיך. ביי מיר, אין מיינע פיר ווענט, ביסטו אַ ייד".

„קדימה" איז נישט בלויז געוואָרן די שול, וואו מ'האָט געדאַווענט לויטן יידיש־מאָדערנעם, מזרח־אייראָפּעאישן נוסח. זי איז אויך געווען די פעסטונג פון וואַנען מ'האָט אונטערגעמינעוועט דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן עס זענען פעסט געזעסן די יאַהודים מיט זייער קהילהשער באַלעבאַטישקייט. דער טאָן אין דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט קומט היינט פון די יעניקע קרייזן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אָדער גרופּירן זיך אַרום דער „קדימה". אויב מ'האָט היינט אַ יידישע שול, איז עס דער „קדימה" צו פאַרדאַנקען, וואָס זי האָט געגעבן די מעגלעכקייט אין איר געביידע אויסצוּוואַקסן אַזאַ שיינע, נוצלעכע דערציאונגס־אינסטיטוציע. דאָס זענען אַלץ קוואַליפיקאַציעס פון „קדימה", מיט וועלכע דאָס יידישע מעלבורן דאַרף שטאָלצירן.

די טראַגישע יאָרן פון דער מלחמה האָט געמאַכט אַ חורבן פון אונדזער אַלטער היים. מיר האָבן געליטן אַ גוואַלדיקן בלוט־אָפּפלוס פון 6 מיליאָן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, דעם גרעסטן און שטאַרקסטן נאַציאָנאַלן קערן פון יידישן פאָלק. אַלע גרויסע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן זענען דאָרטן פאַרברענט געוואָרן. די זאָרג פון קיום האומה, פון קאָנטינואיטעט האָט זיך איבערגעטראָגן פון דער אַלטער היים אין די פרישע עמיגראַציע־לענדער, אויסטראַליע אַריינגערעכנט. „קדימה" אַלס קולטור־אינסטיטוציע, דאַרף אין דער דאָזיקער היסטאָרישער צייט אויספירן איר שליחות. עס ווערן אויף איר אַרויפגעלייגט גרויסע אויפגאַבן.

אָבער „קדימה" איז נישט קיין אַבסטראַקטער באַגריף· זי איז אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, זי באַשטייט פון מענטשן, וועלכע מאַכן איר לעבעדיק. ס'איז שטענדיק געווען אַ צופלוס פון פריש בלוט, מיט יונגער ענערגיע. היינט, ווען די טויערן פון אויסטראַליע ווערן צו ביסלעך געעפנט און אַ נייער שטראָם פון יידישער עמיגראַציע וועט פליסן אין דעם לאַנד, דאַרף „קדימה" ווערן די גייסטיקע, וואַרעמע היים פאַרן נייעם עמיגראַנט. דערביי אָבער דאַרף דער פּרינציפּ זיין אַ קעגנזייטיקער: „נעמען און געבן". נעמען דאָס וואָס איז שוין פון פריער צוגעגרייט געוואָרן פון די אַלטע תושבים, און געבן דאָס, וואָס מ'האָט פון אייגענער דערפאַרונג. דאָס אָבער קאָן געשען דעמאָלט, מען מ'איז אינעווייניק.

דערפאַר דאַרף זיין דער לאָזונג: — דו, פרישער עמיגראַנט, ווער אַ מיטגליד אין דער „קדימה".

---

# נייע ביכער
## אין דער „קדימה"־ביבליאָטעק

ב. פישמאַן — סטודיעס וועגן יידן אין פוילן.
הערי לאַנג — פיר דורות.
לייזער ווילענקין — געראַנגל (2 טיילן).
שלמה זיטער — צווישן ווינטן.
י. יאַנאַסאָוויטש — אָן אויסרוף־צייכנס.
צ. אייזנמאַן — צווישן גרענעצן.
בנימין דאַווידסאָן — וואַרשע של מטה.
מאיר ווייסגאַל — ווי עס וואָלט נעכטן געווען.
אברהם ירושלמי — באַנקראָט פון די איזמען.
ד. גרין — פון דור צו דור.
בנימין לעווין — אונטער די שטערן פון נגב.
יוסף ערליך — טריט אין געסל.
י. פערל — דער מאָרגנשטערן שיינט ווידער.
חיים לייב פוקס — לאָדזש של מעלה.
י. בענעק — די ברוינע מעת־לעתן.
ד"ר עמנואל פּאַט — האַרץ־קראַנקהייטן.
יעקב מייטליס — אין גאַנג פון דורות.
ל. פישער — אַ פריזירער אין לאַגער.
לייב קורלאַנד — צעקלונגענע שעהן.
זאב באַומגאָלד — אין טריט פון מיין דור.
י. גראָסמאַן — עסייען און זכרונות.
וואָלף טאַמבור — דערציילונגען.
י. קאָרנהענדלער — פון דער און יענער וועלט.
נתן מאַרק — צוואַנציק דערציילונגען (בעל שם מעשיות).

וולאַדימיר גראָסמאַן — 3 בענדער געזאַמלטע שריפטן.

1. וועלט־יידנטום אין דער וועלט־פּאָליטיק.
2. אין אַ נייער וועלט.
3. אַלט־נייע פּראָבלעמען.

און צמח אַטלאַס דאַרף זיך פֿאַרקירעווען אויף אַן אַנדער וועג. ס׳איז דאָ אַזאַ דרך, און ער איז אַ רחבֿותדיקער און אַ גלייכער, מיט דער תּורה — אין איר פּשטות און אָפֿנקייט — ווי אַ לאַמטערן צו באַלייכטן אָט דעם וועג צו שיינע מידות. מען דאַרף אויסאײדלען די פֿאַרלאַנגען און אימפּולסן, נישט ווי איינער מיט אַ האַק און האַמער, נאָר ווי אַ גאָלדשמיד מיט פֿיינע אינסטרומענטן און מיט לויטערער שמחה אין געמיט.

ס׳איז פֿאַראַן יראת הכּבֿוד און ליבשאַפֿט ביים מחבר פֿאַר אבֿרהם־מחזה, און ס׳איז פֿאַראַן ביי אים אַ ליבשאַפֿט פֿון גאָר אַן אַנדערן מין — ממעמקים, פֿון די טיפֿעניש — פֿאַר מאַמעס, אַריינגערעכנט שטיפֿמאַמעס. זייער מערכה איז נישט קיין גליקלעכע, און מען איז נישט גנעדיק צו זיי, און דאָך באַקלאָגן זיי זיך נישט. און זייער רחמנות אויף קינדער, וואָס אויך זיי איז נישט מקנא צו זיין, זייער זאָרג פֿאַר זיי, איז אין־לשער. דער מחבר פֿון „מיין מאַמעס שבתים” האָט אָפּגעשפּאָרט אין זיך אַן אומאויסשעפּלעכע ליבשאַפֿט פֿאַר אַלע מאַמעס, און ס׳איז ווי אַ נר תּמיד ביי אים אין האַרצן.

**.4**

ס׳איז אַ געווינס וואָס „די ישיבֿה” איז איצט פֿאַראַן אין ענגליש. און ווען דער המשכדיקער באַנד וועט דערשיינען, וועט עס זיין אַ קרוין פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז נישט גרינג איבערצוזעצן אַזאַ ווערק ווי „די ישיבֿה”, און עס לייענט זיך אָנגענעם און פֿאַרכאַפּנדיק אין ענגליש, אין אַ פֿיינעם ענגליש. אָבער איז דען מעגלעך איבערצוזעצן אַ וועלט אַ גאַנצע, מיט איר שטייגער און נוסח, מיט אירע מנהגים און מידות, און מיט איר שעפֿערישקייט, וואו יעדעס שטעטל איז געווען, לויט אבֿרהם־יהושע העשל, אַ פּסוק אין אַ הייליק ספֿר?

איבערצוזעצן די ווערטער וואָס זענען אין „די ישיבֿה” פֿון יידיש אויף ענגליש איז כּדאַי, און ס׳איז אַ געלונגענער אויפֿטו. אָבער אויב ס׳איז נישט קיין מליצה, אַז אין די ווערטער פֿון יידיש זענען דאָ די ווערטן פֿון אונדזער פֿאָלק אין דער תּקופֿה־אשכּנז, דעמאָלט איז באַשיימפּערלעך אַז אַקוראַט ווי דער נאָמען פֿון בוך — „די ישיבֿה” — איז נישט איבערצוזעצן אין ענגליש, איז אַזוי אויך מיט זיין אינהאַלט. ס׳איז ווי אבֿרהם רייזענס „און דיין ווייִנענדיקער ניגון אין מיין האַרצן גייט אַריבער”; ביי וועמען איז פֿאַראַן דער צויבער איבערצוזעצן אָט דעם ניגון? און חיים גראַדעס לשון איז דאָך אַ וואונדערלעכע האַרמאָנישקייט פֿון העברעאיש, אַראַמיש און יידיש, און ס׳איז אין דעם די קראַפֿט פֿון דורות־לומדים און די מתיקות (זיסקייט) פֿון דורות מאַמעס.

---

## סענדער בורשטין

# „קדימה” – דער שטאָלץ פֿון מעלבורן

מיר צייכענען איצט אָפּ די דאַטע פֿון 66 יאָר „קדימה”. צו דער געלעגנהייט דרוקן מיר דעם אַרטיקל פֿון פֿריינד ס. בורשטין וועגן 36 יאָר „קדימה”, וועלכער איז דערשינען אין „די יידישע נייעס” אין אָקטאָבער, 1947.

רעדאַקציע

יעדע געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונג דאַרף ווערן געמאָסטן נישט בלויז לויט דעם עפֿעקט, וואָס זי מאַכט אין אַ געוויסן מאָמענט, נאָר אויף דער ווירקונג, וואָס זי האָט אויסגעאיבט אויף דעם אַרום אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט. נאָר אין געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו קאָן מען ערשט דערזען די באַדייטונג און ראָל, וואָס אַ געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג האָט געשפּילט. „קדימה” מיט אירע 36 יאָר עקזיסטענץ האָט באַוויזן, אַז זי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער יידיש־קולטיווירונג און נאַציאָנאַלער וואַכזאַמקייט פֿון דעם היגן יידישן ישובֿ. בלויז פֿאַרגלייכן דאָס יידישקייט אין מעלבורן מיט ענלעכע שטעט אין אויסטראַליע, און דעם קרעדיט, אין אַ גרויסער מאָס, מוז ווערן צוגעשריבן דער „קדימה”. נישט אומזיסט האָט מעלבורן דערוואָרבן דעם נאָמען: „ירושלים באויסטראַליע”.

וואָס אייגנטלעך האָט „קדימה” און ספּעציעל אין אירע יונגע יאָרן געטאָן? עס זענען געקומען מיט יענע 30־40 יאָר צוריק, יונגע עמיגראַנטן אין אַ לאַנד, וואָס סיי געאָגראַפֿיש, סיי שפּראַכלעך איז עס געווען פֿרעמד און קאַלט פֿאַר זיי. האָט מען זיך געטוליעט איינער צום צווייטן כּדי עס זאָל וואַרעמער זיין. האָט מען זיך געפֿעפֿנט אַן אייגן ווינקעלע, אַן אייגענעם בית־המדרש, וואו מ׳האָט געדאַוונט מיט אַ פּרק פּרץ, מיט אַ קאַפּיטל שלום־עליכם, מ׳האָט זיך געקוויקט מיט אַ שטיקעלע יידישע נגינה. און די נייע שול האָט מען אַ נאָמען געגעבן „קדימה”.

אייגנטלעך, דאָס דאָזיקע דאַווענען פֿון אַ פּרץ אָדער שלום־עליכם סידור, פֿלעגט פֿאָרקומען נאָר אין די זונטיק־אָוונטן. אָבער דאָס זענען נאָר געווען די זוימען, וואָס האָבן שפּעטער געלאָזט אונטער זיך טיפֿע וואָרצלען. איז געקומען אַ פֿרישער עמיגראַנט און ספּעציעל מיט יידיש־נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין, האָט ער געוואוסט אַז „קדימה” איז זיין ווינקעלע, אַז דאָרטן איז זיין ערשטער

מיט זייער רייץ, ווייסט, אַז „ס'איז לייכטער אָפּצוהיטן צענדליקער דינים און מנהגים, איידער איין מאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ פאַרווערטער תאווה". אין זיין ראַנגלען זיך מיט תאווה; איז זיין פאַרצערנדיקער בענקעניש נאָך דער שלימות וואָס איז אָן אַ פּגם. אין זיין באַגער צו גערעכטיקייט; אין זיין נישט פאַרשווייגן עוולות — איז ער, דער מוסרניק, דאָס גורם עוולות און איז מבייש אַנדערע, למשל, אַן אומשולדיק מיידל וועמען ער פאַרשעמט ווען ער אַנטלויפט נאָך די תנאים, און אַן „עקזאָטיש", רייך און שיין מיידל, מיט וועמען ער האָט חתונה און לאָזט אויך זי איבער צוליב דער ישיבה, וואָס ער האָט געגרינדעט און איז איר מנהל.

צמח אַטלאַס פאַרמעסט זיך מיט דער תאווה און ס'איז אים פרעמד מנוחה. אָבער דאָס איז נאָך נישט דער ערגסטער מיכשול (שטרויכלונג) אויף זיין דערנער נסיעה. דער שאַרפסטער ריס אויף אַלע מדרגות פון זיין געמיט, וואָס ער ווייטיקט דורך מיט זיינע רמ"ח אברים, איז דער צווייפל וועגן דעם „ערשטן פּרינציפּ", וועגן גאָט, צי ס'איז טאַקע פאַראַן אַ בורא־עולם. די אמונה זיינע איז ווי אַ מזבח, באַלאָדן מיט האָלץ, אָבער ס'איז נישטאָ קיין פייער. און יעדעס מאָל ווען ער צינדט אָן דאָס פייער, לעשט עס זיך תיכף אויס אָדער עס צאַנקט פאַמעלעך. ער איז אַ וואַנדערער, נע־ונד, אין קיינעמס לאַנד צווישן די פאָלוסן פון שכל און גלויבן.

צמח אַטלאַס בלאָנדזשעט, וואָרים פאַר אים איז נאָך פאַרהוילן דער סוד, אַז די חקירה וועגן דעם „ערשטן פּרינציפּ", וועגן דעם מקור פון דעם קאָסמאָס, וועגן דער אָרדענונג און לאָגיק פון דער נאַטור, געהערט די טעאָלאָגן און מעטאַפיזיקערס, און אַז דער מענטש פון אמונה „געפינט" גאָט (אָדער געטלעכקייט) נישט אונטן, אין דעם קעלער פון דעם אוניווערס, ביים אָנהייב, נאָר אויבן, אויפן עטישן באַרג־שפּיץ, אין דער ממשלה פון גייסטיקע ווערטן פון מעשים טובים, ווען אפילו דער וואָס איז אָן אמונה שעפּטשעט אַרויס, אין פאָרכט און עניוות, ווען ער איז דער עדות פון מעשים טובים: „זיי האָבן דאָך גאָט אין האַרצן".

ניין, צמח אַטלאַס איז נישט קיין סטערעאָטיפּ. עס מיניען זיך ביי אים שטימונגען פון טרייסט און טרויער, ווי ביי אונדז אַלעמען. נאָר עכטער און גרונטאָוונער — מחמת זיין בענקעניש נאָך אַ תיקון, נאָך פּערפעקטקייט, איז ווי דאָס לעכצן פון זאַנג און בלום נאָך פאַרטאָגיקן טוי — אָן דעם פאַרטריקענען זיי און פאַרוועלקן. צמח אַטלאַס ווענדט זיך צוריק צו דער ישיבה, ווייל ווער מיר זאָלן נישט זיין און וואו מיר זאָלן נישט זיין, זענען דאָ טראַגיש דערשיטערנדיקע איוב־מאָמענטן ווען די ערד טרייסלט זיך אונטער אונדז און צמח אַטלאַס קערט זיך אום צו דער ישיבה, נישט ווייל עס וועט אים זיין גרינגער, נאָר ווייל דאָרטן וועט ער זיך מוזן אָפּגעבן אַ חשבון, אויספאָרעמען פאַר זיך אַ טאָלק און אַ תכלית.

### 3.

עס קען זיך באַקומען דער איינדרוק אַז „די ישיבה" איז אָנגעפּראָפּט מיט פּסיכאָלאָגיע, אויסגעמישט מיט אַ קנויל רעליגיעזע פּראָבלעמען. נו, אוודאי, ווי קען מען דען מאָלן אַזאַ ווי ס'איז צמח אַטלאַס, און נישט אַריינדרינגען אין די פאַרבאָרגענישן פון זיין נשמה, אין דעם עצם פון זיין פּסיכיק. „די ישיבה" פאַרמאָגט אָבער סיפּור המעשה, פאַרכישופט אונדז מיט איר דערציילערישקייט, און ס'איז פאַראַן אַ באַהעפטונג פון די כאַראַקטערן און די געשעענישן אין דער סביבה. די מענטשן אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז ביסלעכווייז מיט זייערע געפילן, מחשבות און סתירות, און דער שטח פון דער סביבה שפּרייט זיך אויס פאַר אונדזערע אויגן. צענדליקער פיגורן — רבנים, לערנערס, עסקנים, גבאים, אויך סוחרים, הענדלערקעס, קהלשע קאָכלעפל, קבצנים, משכילים, מוסרניקעס, יינגלעך און מיידלעך — באַוואוינען אָט די סביבה און אָטעמען אין איר. און ס'איז נישט סתם אַזוי פיגורן וואָס שוועבן פאַרביי ווי אויף אַן עקראַן און פאַרשווינדן; זיי זענען תוכיק צום סיפּור־המעשה און ס'איז נישט קיין צופעליקער געזעמל יחידים, אָן אַ פאַרבינדונג, נאָר אַ געמיינדע, אַ קיבוץ.

די דערציילעריִשקייט פליסט כסדר דורכן גאַנצן ראָמאַן, מיט דער ספּאָנטאַנישקייט פון אַ שטראָם. ס'איז אַ ראָמאַן דורכגעפלאָכטן מיט פּאָעטישע בילדער, סיי וועגן דער נאַטור און סיי וועגן מענטשן, און אפילו אין די דראַמאַטישסטע עפּיזאָדן איז דאָ אַ לירישע צאַרטקייט, אַ פאַרוויגנדיקע מעלאָדישקייט.

דער מחזה־אברהם (ר' אברהם־ישעיה קאָסאָווער) באַווייזט זיך פאַר אונדז אין די לעצטע קאַפּיטלען (אין צווייטן באַנד איז זיין ראָלע אימפּאָנירנדיקער). ער איז נישט אַזוי דער היפּוך פון צמח אַטלאַס, ווי דער חולם זיינער אויף דער וואָר; ווי די ראיה אַז דאָס שטרעבן צו שיינע מידות האָט אַ האַפט און איז נישט קיין אילוזיע פון דעם דמיון; אָבער אַז ס'איז נישט צו ז'ערגרייכן מיט גוואַלד, דורך אַנגסטן, נישט מיטן האַרבן ניין, נאָר מיטן מילדן יאָ, און דעמאָלט צעגייט דער „ניין" אין דעם „יאָ", ווי שניי אין דער וואַרעמקייט פון דער זון.

דער מחזה־אברהם, שפּעטער דער רבי פון חייקל ווילנער (וואָס דאָס איז חיים גראַדע) איז אַליין און נישט אַליין, מחמת ער איז געבענטשט מיט שלווה און רואיקייט. ער מאָנט נישט מען זאָל זיך אויסליידיקן פון אימפּולסן, מען זאָל לכתחילה פאַרלייקענען אַלע פאַרלאַנגען, על־פּי די מוסרניקעס. געוויס איז די תאווה אַ שטענדיקער נסיון, אָבער ביי צמח אַטלאַס איז דער געראַנגל מיט איר פאַרדרייט און געדויערט צו לאַנג. מען דאַרף אפשר קוקן אויף דער וועלט, און די מענטשן אין איר, מיט אַ טרער אין די אויגן, אָבער אויך מיט אַ שמייכל. די טרער איז פאַראַן ביי צמח אַטלאַס, אָבער נישט דער שמייכל.

ווערדליק אברהם־מחזה דאַרף מען נישט זיין זיך אַליין אַ שונא, און ווי מיט אַ מעסער צעשניידן זיך אין צווייען.

עזריאל נאַקס

# חיים גראַדעס „די ישיבה" אין ענגליש

### 1.

חיים גראַדעס „די ישיבה", אָדער ווי עס האָט פריער געהייסן „צמח אַטלאַס" (און „די ישיבה" איז געווען אַן אונטערקעפּל) איז נישט בלויז נאָך אַ גוטער ראָמאַן וואָס באַרייכערט אַ ליטעראַטור, נאָר ס'איז אַ ווערק מיט אַ מעכטיקן און גראַנדיעזן פאַרנעם, וואָס שטייגט אַריבער די גרענעצן פון ליטעראַטור אין דעם געוויינלעכן זין פון וואָרט. ס'איז אַ וועלט אַ גאַנצע וואָס דער מחבר שילדערט אין גורלדיקן פּראָצעס פון ענדערונג און איבערברוך, אַנטקעגן אַ הינטערגרונט פון געירשנטע ווערטן. פאַר אַ סך האָבן די ווערטן פאַרלוירן זייער באַנייענדיקן כוח, און זיי האָבן זיך באַוועגט אין אָט דער וועלט סטיכיש מיט די טראַדיציעס פון נעכטן, מיט דער פאַרפּלאָנטערטקייט בנוגע דעם מאָרגן, און ס'איז געווען אַ מאָרגן וואָס האָט שוין געלויערט אין דעם קאָרידאָר פון דער געשיכטע, מיטן פינצטערן חורבן פון די זעקס מיליאָן. און ס'איז אונדז פאַרבליבן פון אָט דער וועלט אַש אין די הענט און אַן אָנדענק אין דער נשמה.

ביידע נעמען „צמח אַטלאַס" און „די ישיבה" זענען פּאַסיק פאַרן בוך. אין דער קרובהשאַפט צווישן זיי איז דאָ דער ריטעם און די דיאַלעקטיק פון דעם ווערק. די ישיבה און די „פּאַנאָראַמע" אַרום דער ישיבה, מיט אירע גאַסן און הייזער און די אַטמאָספער אין זיי, מיט איר גרויקייט און עלנט, מיט איר האַוועניש און רעש, מיט די מעשים טובים און מעשים רעים פון די מענטשן אין די גאַסן און הייזער און בתי־מדרשים; ווי אויך זייערע קריי־גערייען און וויכוחים. זייערע שעהן פון עגמת נפש און זייערע זעלטענע מינוטן פון פרייד — דער סכום פון אָט דעם איז די וועלט פון דער ישיבה, איז די סאָציאַלע ראַם אירע.

וואָס די חילוקי־דעות זאָלן נישט זיין, ווי שוואַך אָדער שטאַרק זיי זאָלן נישט זיין, אָבער זיינע התחייבות צו דער ישיבה און דאָס וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר, זענען זיי נישט מפקיר. זיי באַשיצן זי, ווייל זיי באַגרייפן אַז אָן דער ישיבה וואָלט זייער וועלט געווען ווי אַ חלל. אַז די ישיבה מיט אירע געציילטע תלמידים און איר אָרעמקייט איז אַ סימבאָל, אַ צייכן פון זייער אייביקייט; אַז אויב אין זייער קליינלעכקייט ווערן זיי פאָרט נישט בטל, איז עס טאַקע אין דעם זכות פון דער ישיבה. אין דעם פּראָצעס פון ענדע־רונג און איבערברוך, וואָס זיי באַגרייפן אים נישט מיטן טאָטאַלן באַוואוסטזיין. דערבליקן זיי דאָך אין דער ישיבה פון די מוסרניקעס. מיט אַלע אירע חסרונות, אַזאַ מין אינערלעכן אמת ווי פּרץ האָט דערזען אין חסידות, מיט אַלע פאַרקרימונגען.

יאָ, אפילו מיט דעם אַליין וואָלט „די ישיבה" געווען אַ גרעסטן ווערק. עס וואָלט אָבער נישט געווען פון די סאַמע גרויסע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור; עס וואָלט געפעלט אַ דימענסיע, בכן די צוויי נעמען: „צמח אַטלאַס" און „די ישיבה". ביידע נעמען צוזאַמען זענען אַן אָנדייט אויפן לייט־מאָטיוו פון בוך, אַן אַראָמאַט וואָס מיר דערשפּירן זיין טייערן און מחיהדיקן ריח בשעת מיר לייענען דאָס בוך, און ער וועפּט זיך נישט אויס ווען מיר פאַרענדיקן דאָס לייענען.

עס רעדט זיך אַזוי „פאַרענדיקן", ווי יעדעס ווערק טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום", דאָסטאָיעווסקיס „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", שלום עליכמס „טביה דער מיל־כיקער — וואו ליטעראַטור דערהייבט זיך צו מיטאָס, וואו די פונדאַמענטן פון דעם קאָסמאָס ציטערן ממש אויף לאָזט זיך עס אין געמיט, נאָך דעם ווי מיר זענען פאַרטיק מיט דער לעצטער שורה אויפן פּאַפּיר, בשום אופן נישט פאַרענדיקן. ווי אין דודס האַרפע שפּילן די סטרונעס פון זיך אַליין, אַזוי וויברירן די סטרונעס פון דעם ווערק, נאָך דעם ווי מען פאַרמאַכט דאָס בוך; נאָר דאָ איז ווי אַ סימ־פאָנישע מוזיק, און אַן אומענדלעכקייט רינגלט אונדז אַרום, און די מוזיק שטילט זיך נישט איין.

### 2.

די שיין און דער שאָטן פון צמח אַטלאַס פאַלן אויף אַלעמען אין בוך. די צענדליקער מענטשן, סיי אין דער ישיבה און סיי מחוץ איר, קאָנען דאָס נישט אויסמיידן. קודם־כל איז ער, צמח אַטלאַס גופא, הן דער קרבן און הן דער געניסער פון אָט־דער שיין און אָט־דעם שאָטן. דער טאָן פון אמונה וואָס ווערט געפייניקט פון ספיקות איז שוין באַנאַל, אַ סטערעאָטיפּ אין דער ליטעראַטור, אַ צו־געגרייטער פאַרן געניטן מחבר, און ער דאַרף אים נישט מער ווי צופּוצן, אויסקלייבן דעם פּאַסיקן קאָסטיום און די ספּעציפישע מאַסקע.

צמח אַטלאַס איז נישט באַנאַל און ער איז נישט קיין סטערעאָטיפּ, און ער טראָגט נישט קיין מאַסקע. געטעס פאַוסט, צום ביישפּיל, איז וויליק צו פאַרקויפן די נשמה מעפיסטאָפעלעסן, כדי צו פאַרזוכן פון אַלע פּירות אויפן בוים פון לעבן. צמח אַטלאַס איז מוחל אָט די אַלע דער־פאַרונגען און פאַרגעניגנס, ווי אַ באַדינג אויף אָנצוטאַפּן מיט די הענט, נישט מיט דער אַבסטראַקטער טעאָריע פון דעם שכל, דעם פּולס פון עקזיסטענץ, די חכמה וואָס פינקלט אַרויס פון דעם וואָרצל פון דעם בוים פון לעבן, און וואָס דער טעם אירער איז אין די פּירות. צמח אַטלאַס איז פול מיט פחד פאַר אָט די פּירות, מחמת זיי זענען גאָר גלוסטונגען, און ער וואָס קעמפט אויסצולייזן זיך פון די גשמיותדיקע גלוסטונגען, וואָס לאָקן און מאַטערן אים

סטריט, פלעגט יעדן דאָנערשטיק און פרייטיק איינשפּאַנען זיין פערד און וואָגן און צושטעלן די שפּייז־פּראָדוקטן צו זיינע יידישע קונים אין קאַרלטאָנער געגנט, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט, זיך אויסגעשמועסט מיט זיי וועגן פּאָליטיק און אַקטועלע יידישע ענינים איבער דער וועלט.

צענדליקער יידישע רעסטאָראַנען, אכסניות האָבן עקזיסטירט אין קאַרלטאָן. פון זיי איז געווען באַוואוסט — „האָטעל בענעט" אויף סטיישאָן סטריט, נאָרט־קאַרלטאָן, וואו פרוי פייגל רחל בענעט און איר מאַן משה זענען געווען ווי טאַטע־מאַמע צו די צענדליקער איינזאַמע עמיגראַנטן־געסט. דאָ האָבן זיי זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. עס זענען דאָרטן איינגעשטאַנען: הרב ווישקאָווסקי, הרב האָכבערג, דער שרייבער אברהם שולמאַן, דער גראַיעווער רב פון שעפּערטאָן און אַנדערע.

אַ צווייטער פּאָפּולערער רעסטאָראַן איז געווען פישל לעווקאָוויטש אויף רעטדאָון סטריט, אַ לאָוויטשער לאַנדסמאַן, איז געווען באַרימט מיט זיינע פיש און טשאָלענט.

די פּאָליציי־סטאַציע אויף איימעס סטריט, נאָרט־קאַרלטאָן, האָט גענוי געקענט אַלע יידן אין קאַרלטאָן, און יום־כפור, ווען אַלע יידן זענען געגאַנגען דאַוונען, האָט די פּאָליציי אַכטונג געגעבן אויף זייערע הייזער. דער באָסשאָפּער אויף רעטדאָון סטריט האָט געקענט זיינע יידישע פּאַסאַזשירן און געוווּסט ווען יידישע יום־טובים פאַלן אויס.

אויף אַ שבת אָוונט איז די „קדימה" אויף לייגאָן סטריט געווען פול מיט יידן צו הערן אַ רעפעראַט אָדער אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פון דער אַלטער דוד הערמאַן גרופּע, מיט יעקב וויסליץ ע"ה, די גינטער פאַמיליע, רחל האָלצער, ברייזבלאַט א.א.וו.

דער לייען־זאַל פון דער ביבליאָטעק איז געווען פול מיט יידן, וועלכע האָבן אַריינגעקוקט אין די יידישע אויסלענדישע צייטונגען. אויך דער „געזערד" אויף רעטדאָון סטריט, נאָרט־קאַרלטאָן, האָט געהאַט זיין עולם מענטשן.

דאָס גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין קאַרלטאָן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל אין דראַמאָנד סטריט מיטן נאָמען „הערצעל־האָל". „מזרחי" האָט געהאַט אַן אייגענעם זאַל אויף קאַרדיגאַן סטריט; די רעוויזיאָניסטן אויף עלזשין סטריט; דער „בונד" אויף פיגדאָן סטריט; די „פּראָגרעסיוו" אויף רעטדאָון סטריט א.אַ.וו.

אַלטשולס ספרים געשעפט אויף רעטדאָון סטריט (שפּעטער איבערגענומען דורך באַלבערישסקי), האָט געמאַכט גוטע געשעפטן, געהאַט אַ סך קונים אויף יידישע ביכער (קיין טעלעוויזיע האָט נאָך דאַן נישט עקזיסטירט). די רעדאַקציע פון ביידע יידישע צייטונגען האָבן זיך געפונען אין קאַרלטאָן — אויף פּאַראַדיי סטריט און אויף קווינסבערי סטריט: אָבער טראָץ ביידע צייטונגען האָט פנחס גאָלדהאַר ע"ה איינגעאָרדנט לעבעדיקע צייטונגען, פאָרגעלייענט זיינע נאָוועלן און קורצע דערציילונגען. דאָס יידישע טעאַטער האָט געמוזט אָנקומען צו הילף פון סופלאָר הער פּאָדעמסקי, וועלכער איז געשטאַנען הינטער די בינע און שטיל געזאָגט די ראָלן צו די אַמאַטאָרישע אַקטיאָרן.

שבת און זונטיק אָוונט איז די יידישע יוגנט געגאַנגען זיך פאַרוויילן אין מאָנאַש־הויז און נישט איין שידוך איז דאָרטן געשלאָסן געוואָרן. אין די יידישע יאַטקעס פון פּאָלאַנסקי, באַטאַגאָל, וואָטקינס, טשיזשיק א.א., האָבן שוחטים געשאָכטן עופות פאַר דריי פּעניס אַן עוף. גרויסע יידישע פּלאַקאָטן אין די יאַטקעס האָבן באַקאַנט געמאַכט וועגן רעפעראַטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין יידישן קאַרלטאָן.

דורכגייענדיק די גאַסן פון קאַרלטאָן האָט מען געקענט אָנטרעפן אויף יידישע שפּייז־ און פרוכט־קראָמען, גאַלאַנטעריע־געשעפטן, וואו פרויען האָבן אַכטונג געגעבן אויף די ביזנעס, ווייל די מענער זענען אַרומגעגאַנגען „פּעדלען" מיט זייערע שווערע וואַליזעס סחורות איבער דער פּראָווינץ. אויב אַן עמיגראַנט האָט דאַן באַקומען אַ שטעלע אין אַ פאַבריק איז ער געווען גליקלעך, געטרוימט וועגן אַראָפּברענגען זיין פאַמיליע. די אַרבעטס־שעהן זענען דאַן געווען 48 שעה אַ וואָך.

צווישן די אַלע פּראָפעסיעס פון קאַרלטאָנער יידן האָט דאָמינירט די „שמאַטע" בראַנזשע, אַ שניידער האָט מען גערופן אַ „פּראָפעסאָר". אַ גוטער שניידער האָט נישט געקענט באַקומען קיין „דזשאָב", ווייל ער האָט געאַרבעט צו לאַנגזאַם אין דער פאַבריק פון מאַסן־פּראָדוקציע.

קאַרלטאָן איז געווען אַן אמתע יידישע סביבה, וואו דער עמיגראַנט האָט אַדורכגעמאַכט זיין ערשטן עטאַפּ פון אויסגרינען זיך. קאַרלטאָן איז געווען דער פונדאַמענט, דאָס וויגעלע פונעם יידישן ישוב אין אויסטראַליע; פון דאַנען האָט די ערשטע און צווייטע עמיגראַציע זיך אַקלימאַטיזירט, צוגעפּאַסט צום נייעם לעבן.

היינט זענען די קאַרלטאָנער יידן צעזייט און צעשפּרייט אין קאָלפילד, קיו, סט.־קילדא, עלוואוד, דאָנקאַסטער, באָלווין, טורעק, סאַוט יאַרא און אין אַלע אַנדערע פאָרשטעט פון מעלבורן, און אויב עס ווערט דאָרטן געשאַפן אַ סינאַגאָגע, שולע, אָרגאַניזאַציע אָדער אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע — מוז עס זיכער זיין דורך אַ געוועזענעם קאַרלטאָנער תושב...

---

שמואל בענעט

# אַ מאָל איז געווען אַ יידיש קאַרלטאָן

## מעמואַרן פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט

אַ מאָל איז געווען אַ יידיש קאַרלטאָן... דער „אַמאָל" איז נישט מער ווי 30 יאָר צוריק, ווען קאַרלטאָן איז געווען אַ יידישע געגנט, מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג, אַ קאָלירפולע און אינטערעסאַנטע משפחה פון רוסישע, פוילישע און ליטווישע יידן, צעטיילטע אין לאַנדסלייט, פאַרטייען, מנינים, שטיבלעך און קולטור־קרייזן.

דער אַדרעס „קאַרלטאָן" איז געווען גוט באַקאַנט דעם יידישן עמיגראַנט, וועלכער פלעגט אָנקומען אין די ענגע שיפן פון אייראָפּעאישע פּאָרטן ביז צום פּאָרט מעלבורן, וואו עס האָבן אים אָפּגעוואַרט די כלל־טוער פון דער „וועלקאָם־סאָסייטי", ענגלישע יאַהודים וועלכע האָבן געוואָלט העלפן זייערע „אָרעמע ברידער און שוועסטער פון יוראָפּ".

די עמיגראַנטן זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אין באָרדינג־הייזער אויף דראַמאָנד־סטריט, וואו זיי האָבן געוואַרט אומגעדולדיק אויף אַ „דזשאָב".

קאַרלטאָן איז געווען דער ערשטער עטאַפּ צום פינפטן קאָנטינענט. דאָס איז געווען דער „עלדאָראַדאָ", דאָס אויסגעטרוימטע נייע לאַנד פאַרן יידישן עמיגראַנט, די גאָלדענע מדינה, ווי מען האָט עס דאַן אָנגערופן, מיט די ברייטע האָריזאָנטן. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צו די ענגע און אָרעמע יידישע שטעטלעך אין פוילן אָדער ליטע, וואו די נויט און דער אַנטיסעמיטיזם זענען געווען גאָר נאָענטע שכנים.

אָנקומענדיק מיטן טראַמוויי איף לייגאָן סטריט, האָט דער יידישער עמיגראַנט געוואָרפן זיין ערשטן בליק אויף קאַרלטאָן, די יידישע געגנט פון אַ גרויסער שטאָט — מעלבורן.

אין קאַרלטאָן ציען זיך די גאַסן אין לאַנגע גלייכע ליניעס, די הייזער איין־שטאָקיקע אָדער „קאָטעדזשעס", געבויט לויט דער וויקטאָריער פּעריאָד־אַרכיטעקטור. אויף די זייטיקע געסלעך וואַרעמען זיך אויף דער זון אַלטע לייט נעבן זייערע אומעטיקע שטובן, און דרימלענדיקע קעץ... אַ שטילקייט און אַ רואיקייט הערשט אַרום. זי שטראָמט פון נישט ווייטן שטאָטישן בית־עולם, וועלכער ציט זיך אומהיימלעך איבערן גרעסטן טייל פון קאַרלטאָנס הויפּטגאַס — לייגאָן סטריט.

דורך די קראַטעס פונעם אייזערנעם פּאַרקאַן, קוקן אַרויס ביימער מיט אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, און צווישן הויך־טונקעלן גראָז ווייסן זיך פאַרוועלקטע בלומען אויף די גרויע, פאַראיינזאַמטע קברים.

נישט ווייט אויף דער זעלבער לייגאָן סטריט שטייט אַ געלע איין־שטאָקיקע געביידע געבויט אין מזרח־סטיל. דאָ קאָנצענטרירט זיך דאָס יידישע קולטור־־לעבן. די פעסטונג פונעם יידישן קאַרלטאָן.

יעדן שבת אָדער זונטיק ביינאַכט ווערט דאָ געשטערט די רואיקייט פון די קעגנאיבערדיקע טויטע שכנים אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם. די טונקעלע גאַסן ווערן פאַרפלייצט מיט ליכט פון די אָנגעקומענע אויטאָס. דאָס זענען די „אָלרייטיקעס" פון דער ערשטער עמיגראַציע, וועלכע וואוינען שוין אויף דער צווייטער זייט פון טייך יאַראַ, אַלטע תושבים פון דער „גאָלדענער מדינה".

אויטאָס שטייען אינעם שטילן געסל וואו יידישע עמיגראַנטן־פאַמיליעס וואוינען. זייערע רייכע קרובים זענען געקומען אויף אַ באַזוך פון דער צווייטער זייט מעלבורן. מען דערציילט די גליקן ווי אַזוי מען האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, „געהאָקט" אין דער פּראָווינץ, געאַרבעט שווער ביי רייסן פּרוכטן אין שעפּערטאָן, אָבער סוף־כל־סוף געמאַכט אַ לעבן און די פונטן ליגן אין באַנק.

דאָ אין קאַרלטאָן איז דורכגעגאַנגען דער גרעסטער טייל פון די יידישע עמיגראַציע. דאָ האָט זיך פאָרמירט דער יידישער ישוב. די אַלטע היים איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויפן אויסטראַלישן באָדן. מען לעבט קאָמפּאַקט, נאָענט פון אַ שול, אַ תלמוד־תורה, אַ חסידיש שטיבל אויף ריטשאַרדסאָן סטריט, אַ יידישער רופא אויף רעטדאַון סטריט, אַ יידישער אַפּטייקער, א.א.וו.

הרב גורעוויטש ז״ל דער ווילנער תלמיד־חכם, האָט געהאַט זיין בית־דין־שטוב אויף רעטדאָון־סטריט, געזעסן געלערנט גמרא. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן ייד. ער איז געווען לאַנג־יאָריקער רב פון דער קאַרלטאָן־שול אויף פּאַלמערסטאָן סטריט.

נישט ווייט אויף פּיט־סטריט, געפינט זיך וואָלפסטאָן בית־המדרש, בשכינות פון דער חברה־קדישא — טהרה־שטיבל. מען איז געזעסן און געלערנט משניות. שבת האָבן יידן געקענט דאַווענען אין חסידישן שטיבל אויף ריטשאַרדסאָן סטריט, וואו גערער און אַלעקסאַנדערער חסידים האָבן געלעבט בשלום. די מתנגדים און ליטוואַקעס האָבן געדאַוונט אין תלמוד־תורה „השכלה" אויף רעטדאָון סטריט, וואו הער מאָנד איז געווען גבאי. האָט מען געוואָלט הערן אַ גוטן חזן מיט אַ כאָר, איז מען געגאַנגען צו דער איסט־מעלבורן סינאַגאָגע אויף אַלבערט סטריט, וואו חזן רעכטער האָט מהנה געווען דעם עולם, איבערהויפּט האָט ער צופרידנגעשטעלט די גאַלעריע...

אַ צענדליק יידישע בעקערייען זענען געווען אין לייגאָן אָדער רעטדאַון סטריט. אין פּרינצעס סטריט האָט מען געבאַקן געשמאַק יידיש געבעקס, פרישע זיסע חלות, בולקעלעך, לאָקשן מיט פּערפל אָדער שוואַרץ פּויליש ברויט.

הער גאָטליב, דער יידישער גראָסער פון רעטדאָון

# צו דער יידישער באַפעלקערונג אין מעלבורן

## צום 34־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

דאָנערשטיק דעם 14־טן אַפּריל 1977 (ערב כ״ז ניסן תשל״ז) וועט די גאַנצע יידישע וועלט דערמאָנען מיט יראת הכבוד דעם 34־טן יאָרטאָג פן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

ווי יעדן יאָר, וועלן אַלע יידן, יונג און אַלט, יידן פון אַלע שיכטן און שאַטירונגען, ווידמען זייערע געדאַנקען אין טאָג פון נאַציאָנאַלן טרויער דעם העראָאישן קאַמף פון די געטאָ־אויפשטענדלער קעגן דער גרעסטער און אכזריות־דיקער מיליטער־מאַכט פון 20־טן יאָרהונדערט. דער פאַרצווייפלטער ווידערשטאַנד איז געווען געווענדט נישט בלויז קעגן דער נאַצישער מאָרד־מאַשין, וועלכע האָט געוואָלט דורפירן דעם גרעסטן, קאַלטבלוטיקסטן און פון פאָראויס פּלאַנירטן מאַסן־מאָרד איבערן גאַנצן יידישן פאָלק, נאָר קעגן אַלע אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר היטלערס מערדער און זייערע העלפער.

היינט, 34 יאָר נאָכן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, קענען מיר נאָך נישט מאַכן קיין סך־הכל פון אונדזער גרויסער פאָלקס־טראַגעדיע, וואָס איז סימבאָליזירט אין די זעקס יזכור־ליכט נאָך 6,000,000 יידישע קדושים און העלדן. אָבער אין טאָג פון אונדזער טרויער און דערמאָנונג מוזן מיר ווידער וואָרענען די אַזויגערופענע פרייע דעמאָקראַטישע וועלט, וועלכע האָט אויף זיך די שולד פון צוקוקן זיך גלייכגילטיק צום מאַסן־מאָרד פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע, אַז אויב זיי וועלן היינט ווידער נישט רעאַגירן אויף די האַנדלונגען פון די שוואַרץ־ברוינע און רויטע אַנטיסעמיטן, וועלכע ווילן אונטערן מאַנטל פון אַנטי־ציוניזם, צוגרייטן די פאַרווירקלעכונג פון נאַציסטישן טרוים, די פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק און אַלע אַנדערע פרייהייט־ליבנדע מענטשן, ווערן זיי שטילע מיט־שותפים צו די פאַרברעכער פון מאַסן־מאָרד.

לאָמיר דעריבער אין דעם טרויער־טאָג זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, אַז יעטוועדער ייד — אַלט און יונג — וואָס איז נישט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן יידישן פאָלק כדי צו שטאַרקן אונדזערע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס — אין מדינת־ישראל און אין אַלע אונדזערע תפוצות — פאַרראַט נישט בלויז אונדזערע אומגעקומענע טאַטעס און מאַמעס, באָבעס און זיידעס — נאָר פאַרשוועכט דעם אָנדענק פון די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכע האָבן געפילט און דערפילט דעם מענטשלעכן און יידישן געבאָט פון דער שעה — דעם געבאָט פון נישט לאָזן אויסלעשן דעם נר־תמיד פון יידישן פאָלק.

נאַציאָנאַלער שטאָלץ גייט האַנט ביי האַנט מיט נאַציאָנאַלער פליכט. יידן פון אַלע שאַטירונגען האָבן געפירט אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די מערדער פון יידישן פאָלק. אין דעם טאָג פון דערמאָנונג מוזן מיר זיך אַלע פאַרטראַכטן און געפינען די געמיינזאַמע שפּראַך און געאייניקטע טאַט, בכדי צו פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום — גייסטיק און פיזיש — פון יידישן פאָלק אין מדינת ישראל און אַלע יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט.

טרעבלינקעס — אין וועלכער נישט איז פאָרם — וועלן מער נישט זיין! דאָס איז דער רוף סיי פון דעם דור פון שארית החורבן און סיי פון דעם יונגן דור. באַהויכט מיט דעם שטאָלצן און העראָאישן קאַמף פון די געטאָ־אויפשטענדלער, וועלן מיר, אַלט און יונג, ווייטער שפּינען די גאָלדענע קייט פון דעם גלאָררייכן עטישן און העראָאישן אייביקן יידישן פאָלק.

מיר רופן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין מעלבורן צו קומען דאָנערשטיק דעם 14־טן אַפּריל 1977 צו דער גרויסער טרויער־אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון די 6,000,000 קדושים און מאַרטירער און דעם 34־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכע קומט פאָר 8 אָוונט אין גרויסן זאַל פון סט. קילדאַ טאַון האָל, סט. קילדאַ.

היט אָפּ דעם נאַציאָנאַלן טרויער און פאַרשוועכט אים נישט! כ״ז ניסן זאָל נישט פאָרקומען קיין שום פאַרווײלונג אָדער שמחה אין אַ יידישער שטוב אָדער אינסטיטוציע.

זאָל אין יעדער יידישער שטוב אָנגעצונדן ווערן דאָנערשטיק דעם 14־טן אַפּריל (ערב כ״ז ניסן), ליכט לזכר די 6,000,000 קדושים.

זכור את אשה לך עמלק!

מיר וועלן קיין מאָל נישט מוחל זיין און קיין מאָל נישט פאַרגעסן זייער אומשולדיקן טויט!

כבוד די 6,000,000 יידן אומגעקומענע על קידוש השם והעם!

אייביקער רום די העלדן פון די געטאָס!

ראַט פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע
יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה“
ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע
קאַצעטלער פאַרבאַנד
און אַלע אָנגעשלאָסענע אין ראַט אָרגאַניזאַציעס

— — — — — — — — — — — —

די הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים קומט פאָר זונטיק דעם 17־טן אַפּריל, 2.30 נ.מ. אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם.

י. מ. לעווין

# אַ לויב צו דיר מיין פאָלק

אַ לויב צו דיר, מיין פאָלק דאָס
זילבערהאָריקע,
צום אָנגעזאַמלטקייט פון יאָרן
מילגרוימיק פול
מיט דערנערדיקע טעג.
דיין געפּרוווטער שמייכל
פאַרזיסט דאָס ביטערניש פון זכרון,
איינגעשייערט
איבערן לאַנגן יסורים־וועג.

זינט דיין בראשית ביסטו געשטיגן
איבער בלויע וואָלקנטרעפּ
און געהיט די ריינקייט פון דיינע
טריט.
שונאים האָבן דיך
אין די נידערן געשלעפּט, — און
ביסט געשטיגן —
געצאָלט און געשוויגן —
פאַר איטערדיקע טריט
מיט דיין האַרצנס בלוט.

האָסט אין ייאוש פאַרוואָרפן ייאוש.
מיט האָפענונג זיך פאַרברידערט;
אפילו אין אַ צייט
ווען פון שונא דערנידערט,
געקלונגען האָבן הללדיק
דיינע גאולה־געזאַנגען,
וואָס זענען לאַנג, גאָר לאַנג
נישט אויפגעגאַנגען —
נאָר קיין מאָל, קיין מאָל
נישט פאַרגאַנגען.

אַ לויב דיר
אין פּיינען אויסגעפּרוווטער,
ביסט געוועזן שטאַרקער אין פּרווו
ווי ס'רישעותדיקע אָפּפאַל פון דער
ערד —
ווען שייטערס האָבן געפלאַקערט
האָסטו, ווי איוב,
אין דיין גלויבן נישט געשקרט —
גייערט באַצאָלט זיין פולן ווערט!

אַ לויב צו דיר, זילבערהאָריקער,
פאַר דעם בלום פון גלויבן
אין אייגן בלוט גענערט;
האָסט די בלום
דורכן חשכות פון נעכט געטראָגן
און זי דערטראָגן
צו טויאיקע פאַרטאָגן,
זי איז אויסגעוואַקסן,
זיך געמערט
אין פּיין פאַרקניפּטע קנופּן,
און האָט געלויכטן
אין פייערגלי דעם טויט דערלעבן
מיט אמונה אויף פאַרברענטע ליפּן:
— אין דיין בלוט וועסטו לעבן!

חיים מאַלטינסקי
(טבריה, ישראל)

# אין די גרינע שפּינוועבס-מאָכן

גלייכגילטיק כ'קאָן אָט די טייטל־פּאַלמע נישט פאַרבייגיין,
ווידער זיך דערנעבן אָפּגעשטעלט;
צווישן אירע שטיקלעך שפּיציק־שטראָצנדיקע צווייגן,
ווי פון דער נאַטור אַליין צעהאַקט, צעקרעלט,
אין די גרינע שפּינוועבס־מאָכן, אויבן
האָבן זיך פאַרשטעקט די ווילדע טויבן,
טראָגן זיך פון דאָרטן אָן אַן אויפהער
נאָיענדיקע קרעכצן, ווייען פיינלעכע —
אַלע מאַטערנישן, ביטערנישן פון דער וועלט...

### ביים כנרת

איך האָב עס פון כנרת
נישט דערוואַרט,
געוועזן צו מיר צוגעלאָזן, צאַרט
אויף וואונדערלעך בלויען
וואַסער־גלאַט,
אַ שעה נאָך שעה איך קוק
און ווער נישט זאַט.

און מיט אַ מאָל אַ בלענדט זי טוט מיט שיין:
— דו קוקסט און קוקסט,
וואָס האָב איך פון דעריין?...
און וויל נישט הערן גאָר,
וואָס טענהן כ'וועל,
איר לץ, דער ווינט
זיך יאַוועט פון דער העל,
מיין הוט אַ כאַפּ געגעבן נישט פון קאָפּ —
(איך טרוי עס אים נישט אָן) —
פון דער האַנט — און אָפּ,
שוין הוידערט אין כנרת זיך מיין הוט...
און מענטשן קייכן — כ'נעם עס אָן פאַר גוט.

און דאָך . . . כנרת,
כ'האָב עס נישט דערוואַרט,
געוועזן צו מיר צוגעלאָזן,
צאַרט . . .

טבריה, 1976

באַמערקונג פון רעדאַקציע:

דער דיכטער חיים מאַטלינסקי, עולה פון רוסלאַנד, האָט מיט אַ צייט צוריק פאַרעפנטלעכט אַ בוך לידער: „די ערד פאַרשטייט". דאָס בוך איז פּרעמירט געוואָרן. אייניקע לידער האָט דער דיכטער צוגעשיקט פאַר די „מעלבורנער בלעטער", וועלכע מיר דרוקן מיט פאַרגעניגן.

די ידיעה, איז ממש צו שטוינען די נאַיוויטעט פון אבא אבן...

ד״ר קיסינדזשער האָט געהייסן קעמפן ביז צו אַ צווייפלאָזן נצחון, נישט ווייל דאָס איז גוט פאַר ישראל, נאָר ווייל דאָס איז געווען אין אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלן אינטערעס. וואָלטן די יידן געבעטן אַ וואָפנשטילשטאַנד, ווען די אַראַבישע כוחות זענען געשטאַנען אויף דער ישראל־טעריטאָריע, וואָלט אַמעריקע געווען פאַרשפילט און די רוסישע השפעה וואָלט זיך באַפעסטיקט. דאַן איז געקומען דער דורכברוך פון אַריק שרון. ער האָט דערגרייכט דעם 101־קילאָמעטער־שטיין פאַר קאַיראָ. די אַרומגערינגלטע עגיפטישע אַרמיי — אין געפאַר פון אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג. דער סאַדאַט־רעשים אין געשטאַנען פאַר אַ צוזאַמענברוך. די גרעסטע אַראַבישע מפלה אין דער געשיכטע. אויף דעם האָט געוואַרט ד״ר קיסינדזשער. ווי אַ מלאך פון הימל איז ער געקומען צו ראַטעווען סאַדאַטן און מצרים און דעם כבוד פון די אַראַבער, און אויף אַזאַ אופן צו עטאַבלירן די אַמעריקאַנער השפעה און פאָזיציע אין מיטעלן־מזרח.

די אַמעריקאַנער אינוועסטיציע אין ישראל האָט געבראַכט די געהעריקע דיווידענטן. די רוסישע השפעה איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פונעם צענטער פונעם מיטעלן־מזרח. דער שטח פון דער ירדן־איראַקישער גרענעץ ביז צו די גרענעצן פון ליביע, איינשליסנדיק סודאַן, איז געוואָרן די איינפלוס־ספערע פון אַמעריקע אַ דאַנק דעם זיג פון ישראל.

* * *

וואָס ווייטער? אַנדרעי זאַכאַראָוו באַטאָנט אין אַן עסיי, אַז אַמעריקע האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט דעם, וואָס זי האָט צוגערויבט פון ישראל דעם טאָטאַלן מיליטערישן נצחון אין דער יום־כפור־מלחמה. אמת, אמעריקע איז היינט די איינציקע גרויסמאַכט, וואו אַ מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט שפילט אַ גרויסע ראָלע, ספעציעל ווען די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט די גרונטעצלעכע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אַמעריקע גופא.

אין קעגנזאַץ צו פראַנקיירך, זענען די ספעציעלע באַציאונגען צווישן אַמעריקע און ישראל דויערנדיקע און יסודותדיקע. די אַלע דריי צדדים: אַמעריקע, די אַראַבישע לענדער און ישראל, מאַנעווורירן איצט אין אַ פעלד פון באַגרענעצטע ברירות. אַמעריקע מוז אונטערשטיצן ישראל ווייל אָן אַ שטאַרק ישראל קאָן זי אויך פאַרלירן די דעראָבערטע השפעה אין מיטעלן מזרח. די ברירות פון די אַראַבישע לענדער זענען באַגרענעצט, ווייל זיי ווייסן שוין אַז רוסלאַנד קאָן זיי העלפן נאָר צו צוועקלאָזער מלחמה. און נאָך יעדער מלחמה שטייט די ישראל־אַרמיי טיפער און טיפער אויף זייער באָדן. אַמעריקע האָט אויך נישט קיין ברירות ווייל זי קאָן זיך נישט צוריקציען פונעם צענטער פון מיטעלן מזרח, וואָס איז דער וויכטיקסטער פונקט אין איר גלאָבאַלער סטראַטעגיע.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די קרייצונגען פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די דריי פאַרשידענע צדדים שפילט אויך די נאַפט־פאָליטיק אַ גרויסע ראָל, און די אַראַבישע וועלט וועט זיך באַמיען אויסצונוצן די נאַפט־פאָליטיק אַלס די לעצטע ברירה, בכדי אויסצופרעסן קאָנצעסיעס אויפן חשבון פון ישראל. אָבער אויך די ברירה איז באַגרענעצט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יום־כפור־מלחמה האָבן די אַראַבישע אויל־פראָדוצענטן אָנגעוואָנדן דעם נאַפט־עמבאַרגאָ און גלייכצייטיק געמאַכט אַ געוואַלטיקן שפרונג מיט די פרייזן. וואָס שייך דעם עמבאַרגאָ, האָבן די אַראַבישע אויל־פראָדוצענטן איינגעזען, אַז זיי קענען איבערציען דאָס שטריקל, אַזאַ עמבאַרגאָ, אויף אַ לענגערע מעטע, קען פירן צו אַ מלחמה. די גאָר הויכע פרייזן האָבן געבראַכט שפאָרזאַמקייט פון די קאָנסומענטן און עד היום שטייט אַ פלאָט פון ליידיקע נאַפט־טאַנקערס.

סאַודי־אַראַביע האָט זיך לעצטנס באַמיט אויסצונוצן די נאַפט־פאָליטיק אויף אַן „אידעלן” אופן: זי האָט געהעכערט די פרייזן פון אויל „נאָר” מיט 5 פראָצענט און באַלד אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך קאָנצעסיעס אויפן חשבון פון ישראל. אָבער אַמעריקע ווייס, אַז אויב זי וועט נאָכגעבן דעם אויל־שאַנטאַזש היינט, — וואָס וועט שטערן סאַודי־אַראַביע צו העכערן די פרייזן פון אויל אין 6 חדשים אַרום?

אגב, די אויל־פראָדוצענטן, וואָס האָבן איבערהויפט נישט קיין שייכות מיטן ישראל־פראָבלעם, זענען דווקא די וואָס זוכן אויסצופרעסן די העכסטע פרייזן. די קאַלטע לאָגיק דיקטירט, אַז דעם וועלט־פראָבלעם פון אויל (פראָדוקציע און קאָנסומציע) קאָן מען נישט לייזן אויפן חשבון פון ישראל.

פון דער צווייטער זייט ווייס די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע, אַז די זיבן ביליאָנען דאָלאַר אין מיליטערישער און עקאָנאָמישער שטיצע אין די לעצטע יאָרן פאַר ישראל, איז אַ זייער ביליקער פרייז, וואָס זיי האָבן באַצאָלט פאַר דער מעגלעכקייט איינצושטעלן זייער השפעה און פאָזיציע אין מיטעלן מזרח. דאָס איז קליין געלט אין פאַרגלייך מיט דעם בלוט און אוצרות, וואָס וויעטנאַם האָט געקאָסט און פאַרענדיקט זיך מיט אַ מפלה. ס׳האָט אויך די רוסן געקאָסט מער אין מיטעלן מזרח און זיי האָבן פאַרלוירן די השפעה.

אין סך־הכל פון די אויספירונגען אויפן שוועל פון דעם 29־טן יום־העצמאות קענען מיר זיין אָפטימיסטיש. ווייל מדינת־ישראל איז היינט אַ ווירקנדער כוח. אָבער נישט דער כוח אַליין פאַרזיכערט איר עקזיסטענץ — די גלאָבאַלע סטראַטעגיע פון אַמעריקע איז פאַרבונדן מיט אַ שטאַרק ישראל.

דאָס גאַנצע פּאָליטישע שפּיל אינעם מיטעלן־מזרח דרייט זיך אַרום „דעם נאָגל״.

סטאַלין, זעענדיק ווי ענגלאַנד ווערט אַרויסגעשטופּט פון פּאַלעסטינע, האָט געפּלאַנט אַריינקלאַפּן דאָרט אַ נאָגל אַנצובינדן דעם רוסישן בער. דערפאַר האָט ער געשטיצט די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. ווען ס׳איז נישט געלונגען, איז ער געוואָרן אַ שונא.

פראַנקרייך, נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה, איז געוואָרן אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. אַרויסגעשטופּט פון מיטעלן מזרח דורך ענגלאַנד, פאַרלוירן סיריע און לבנון, טוניס; אַנגאַזשירט אין אַן אויסזיכטלאָזער מלחמה אין אַלזשיר — האָבן זיך די פראַנצויזישע פּאָליטיקער דערמאָנט דאָס אַראַבישע מעשהלע און באַשלאָסן צו געפינען אַ נאָגל פאַר זייער איזעלע אין ירושלים. אַ קאַלטע און לאָגישע אויסרעכענונג: שטיצן ישראל פּאָליטיש, פאַרקויפן געווער, אַעראָפּלאַנען, אפילו אַן אַטאָמישן רעאַקטאָר; מאַכן ישראל שטאַרק. זאָלן די אַראַבער זיין אין כעס (זיי זענען דאָך סיי ווי אין כעס צוליב דער אַלזשירער מלחמה), אָבער צום סוף וועלן די אַראַבער איינזען אַז כדי צו דערגרייכן אַן ענדערונג אין די פראַנצויזיש־ישראלדיקע באַציאונגען, וועלן זיי מוזן קומען צו פראַנקרייך מיט ממשותדיקע קאָנצעסיעס אויסצולייזן „דעם נאָגל״. פראַנקרייך, די מיטל־מעסיקע מאַכט צווישן די גרויסמאַכטן, האָט פון פאָראויס געפּלאַנט צו פאַרראַטן ישראל, אָבער פאַר אַ פּרייז...

אין מאַי 1967 האָט דער שרייבער פון די שורות אויף אַ קרן־היסוד־פאַרזאַמלונג פאָראויסגעזאָגט דעם פראַנצויזישן פאַרראַט, אָבער הרב ש. גורן, דער גאַסט־רעדנער, האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט און דערקלערט, אַז פראַנקרייך פאַרקויפט געווער און וועט פאַרקויפן געווער צו ישראל. דאָס איז אַ יסודותדיקע „פּאָליסי״ פון פראַנקרייך בעת אַמעריקע וויל נישט פאַרקויפן קיין קויל צו אַ רעוואָלווער פאַר געלט פאָראויס....

די 6־טאָגיקע מלחמה אין יוני 1967 איז נאָר געווען אַ תירוץ פאַרן פאַרראַט. די אַלזשיר־מלחמה שוין לאַנג פאַרענדיקט, איז די צייט געוואָרן רייף צו פאַרקויפן דעם „נאָגל״ פאַר מסחר מיט דער אַראַבישער וועלט.

אַן אַנאַליז פון אַ פאַרהעלטעניש צווישן צוויי מדינות פאָדערט צו פאַרשטיין די אָביעקטיווע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די צדדים. פראַנקרייכס נאַציאָנאַלער אינטערעס איז געווען אַ באַגרענעצטער און צייטווייליקער.

נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל אין די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און ישראל. בכדי צו פאַרשטיין די נייע ווענדונג, מוזן מיר צוריקגיין צום אויסגאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַמעריקע האָט נישט פאַרזיכערט איר דירעקטע השפּעה אינעם מיטעלן־מזרח; זי האָט דעם גאַנצן געביט איבערגעלאָזט צו ענגלאַנד (דערפאַר איז אַמעריקע נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַ יידישער מדינה). ענגלאַנד האָט געהערשט אין דעם גאַנצן געביט פונעם פּערסישן גאָלף ביז מצרים (איראַק, קוווייט, די אַראַבישע עמיראַטן, תימן, פּאַלעסטינע, ירדן, א.א.וו.). אין מצרים האָט געהערשט דער פּראָ־מערבדיקער מלך פאַרוק, אין ליביע האָט דער קעניג דערלויבט אַ מיליטערישע באַזע פאַר „נאַטאָ״.

אין לויף פון אַ קורצער צייט האָט זיך די גאַנצע סיטואַציע געענדערט. אַ רעוואָלוציע אין איראַק, אַ פּוטש אין סיריע, נאַסער אויפן פּלאַץ פון קעניג פאַרוק. גאַדאַפי האָט פאַרטריבן דעם פּראָ־מערבדיקן קעניג און איבער־גענומען די „נאַטאָ״־באַזע; אַ סאָציאַליסטישער רעזשים אין אַלזשיר, אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין דרום־תימן, נוסח קובאַ א.א.וו. די רוסישע השפּעה האָט אויסגעפילט דעם בלויז, נאָך דעם ווי ענגלאַנד האָט פאַרלאָזט דעם געביט.

אַמעריקע האָט דערזען די געפאַר פון אַזאַ אַנטוויקלונג פאַר דער מערב־וועלט. אָבער ווי אַזוי ראַטעוועט מען די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע? דער נוסח פון „דעם נאָגל״ און דער היסטאָרישער נצחון פון דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט זיך ממש אַריינגעפּאַסט אין דעם אַמעריקאַנער פּלאַן.

קאַלט און לאָגיש האָט די דזשאָנסאָן־אַדמיניסטראַציע אויסגעאַרבעט „דעם נאָגל״־פּלאַן (די ניקסאָן־פאָרד אַדמיניסטראַציעס האָבן נאָכגעפאָלגט די זעלבע ריכטונג); מאַכן ישראל שטאַרק, ליפערן די מאָדערנסטע וואָפן, געבן עקאָנאָמישע הילף. די אַראַבישע לענדער וועלן מוזן איינזען, אַז אַ מלחמה קעגן ישראל איז צוועקלאָז, זיי וועלןליידן אַ מפּלה און זיי וועלן פאַרניכטן זייער עקאָנאָמיע. זיי וועלן נישט קענען צעשטערן ישראל, נאָר זיי וועלן אפילו די דעראָבערטע טעריטאָריעס אויך נישט צוריקבאַקומען. אַראַבישע מדינות וועלן איינזען, אַז רוסלאַנד פאַרקויפט זיי וואָפן פאַר אַ מלחמה, וואָס זיי קאָנען נישט געווינען און וואָס רוסלאַנד וויל אפילו נישט, אַז זיי זאָלן געווינען (אין פאַל פון אַ טאָטאַלן אַראַבישן נצחון, וואָלטן דאָך די אַראַבער מער נישט באַדאַרפט די רוסן). ווען די אַראַבער וועלן דאָס אַלץ איינזען, וועלן זיי מוזן קומען קיין וואַשינגטאָן, וואו עס ליגט דער שליסל צו אַ לייזונג פון דעם אַראַביש־ישראלדיקן סכסוך.

די יום־כפּור־מלחמה האָט פאַר אַמעריקע רעאַליזירט די דיווידענטן פון דער „נאָגל אין ירושלים״־אינוועסטיציע. „די יידישע נייעס״ האָט לעצטנס געבראַכט אַ ידיעה פון דער „ציינס״־אַגענטור, אַז אבא אבן האָט אויפגעדעקט אַ סוד וואָס פאַר אַ פריינד פון ישראל איז קיסינדזשער געווען. ווען אבא אבן האָט צו וויסן געגעבן קיסינדזשערן, אַז די ישראל־אַרמיי האָט אָפּגעשטעלט די אַראַבישע אָפענסיווע, און ישראל וואָלט איינגעגאַנגען אויף אַ וואָפנשטילשטאַנד מיטן באַדינג, אַז די אַראַבער זאָלן זיך צוריקציען צו די פאַרמלחמהדיקע גרענעצן, האָט קיסינדזשער געזאָגט: ניין! דאָס וואָלט געהייסן, אַז ישראל איז זיך מודה צו אַ מפּלה. ד״ר קיסינדזשערס עצה: קעמפן ביז צום נצחון.

אויב די „ציינס״־אַגענטור האָט ריכטיק איבערגעגעבן

דורך דער פּ.פּ.ס.; נאָכן פאַלן פון פּוילן, געהערט לאַנדאַו צו די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אונטערערדישער פּ.פּ.ס. ער רעדאַגירט דעם פּ.פּ.ס. ראַדיאָ־בוילעטין, איז לייטער פון אַרכיוו. לאַנדאַו ווערט אויך דער הויפּט־כראָניקער פון דער אָרגאַניזאַציע. ווען די דייטשן שאַפן דעם וואַרשעווער געטאָ, דעם 1־טן דעצעמבער 1940, ווערט לאַנדאַו באַרויבט און אַרויסגעוואָרפן פון זיין וואוינונג. אין וואַרשעווער געטאָ וואוינט לאַנדאַו אין אַ קליין שטיבל אויף קאַרמעליצקע גאַס מיט זיין פרוי און טאָכטער. אַ געוויסע צייט אַרבעט לאַנדאַו צוזאַמען מיט עמנואל רינגעלבלום ביים זאַמלען מאַטעריאַלן פאַרן געטאָ־אַרכיוו. אין אָנהויב 1941 באַפעלט אים די פּ.פּ.ס.־אָרגאַניזאַציע צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ און ער ווערט איינגעאָרדנט אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה אין וואָלאָכי ביי וואַרשע. אויסער די פּאַרטייאישע אַרבעטן נאָטירט לאַנדאַו אַלע פאַקטן און געשעענישן, וועלכע קומען פאָר אין די געטאָס און אויף דער אַרישער זייט. ער זאַמלט צונויף אַ וואָגיקן מאַטעריאַל וועגן דייטשן באַרבאַריזם און די פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן אין דער וועלט.

אין ערשטן באַנד כראָניק נאָטירט לאַנדאַו אַלע געשעענישן אין דער גענעראַל־גובערניע: אַרעסטן און דערשיסונגען פון יידן. אויסזידלונג פון שטעט און שטעטלעך; דאָס לעבן אין די געטאָס; דעם אונטערגאַנג פון פּוילישן יידנטום, פון ערשטן סעפּטעמבער 1939 ביז נאָוועמבער 1940. פון דער צייט אָן, ביז דעצעמבער 1942, זענען פאַרלוירן געוואָרן די פאַרצייכענונגען. דעם 29־טן פעברואַר 1944 ווערט לאַנדאַו אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ. אַ טאָג שפּעטער ווערן אַרעסטירט זיין פרוי און טאָכטער. לאַנדאַו ווערט לאַנג געפּאַרשט דורך דער געסטאַפּאָ און ווערט לסוף דערשאָסן צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער.

דער גאַנצער געשריבענער מאַטעריאַל פון די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע איז אָפּגעפונען געוואָרן דורך דער פרוי פעליקסאַ טשייקאָווסקאַ, וועלכע האָט געוואוסט וואו די מעמואַרן זענען געווען באַהאַלטן. נאָכן קריג האָט די פרוי טשייקאָווסקאַ איבערגעגעבן אַלע מאַטעריאַלן דער פאַמיליע פון לודוויק לאַנדאַו. די פאַמיליע האָט דעם אַרכיוו מיט די מאַטעריאַלן איבערגעגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּ.פּ.ר. 15 יאָר האָט געדויערט ביז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פּ.ז.פּ.ר. האָט דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן דעם מאַטעריאַל, וועלכן לודוויק לאַנדאַו האָט געשריבן אין פאַרלויף פון 1600 טעג אין שווערע באַדינגונגען פון מלחמה און אָקופּאַציע.

ס'איז מער ווי זיכער, אַז דער גאַנצער מאַטעריאַל איז דורך די געשיכטע־פעלשער אַזוי „באַאַרבעט געוואָרן", אַז עס קומט איצט אויס, אַז די יידישע אויפשטאַנדן אין די געטאָס און לאַגערן זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך פּאָליאַקן. פּאָליאַקן האָבן אויך „געהאָלפן" די יידן מיט אַלעם מעגלעכן אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן נאַציזם.

דאָס פעלשן די געשיכטע פון יידישן ווידערשטאַנד און העלדישקייט גייט ווייטער אָן. צו ערשט האָבן זיי געירשנט יידישע פאַרמעגנס — אַצינד ווילן זיי ירשענען יידישע העלדישקייט.

דאָס אויסראָטן איין־דריטל פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, באַמיען זיך די פעלשער אָפּצולייקענען, אָדער לכל הפּחות — צו מינימיזירן די צאָל אומגעקומענע. עס דערשיינען פּובליקאַציעס און בראָשורן, וועלכע לייקענען אָפּ די עקסטערמינאַציעס און מאַסן־מאָרדן פון די היטלעריסטן און זייערע מיטהעלפער. די דאָזיקע בראָשורן ווערן איצט פאַרשפּרייט פון די רעכטע און לינקע שונאים פון יידישן פאָלק.

ד"ר מ. פערשטענדיק

# געדאַנקען צום יום העצמאות

בימים ההם, מיט 29 יאָר צוריק, איז דער סאָוויעטישער רעזשים פון סטאַלין געווען פּראָ־מדינת ישראל. גראָמיקאָ האָט געהאַלטן „ציוניסטישע" רעדעס. ענגלאַנד איז געווען קעגן און אַמעריקע איז נישט געווען דערפאַר, אָבער געווען די ערשטע צו אָנערקענען די נייע מדינה. טשעכאָסלאָוואַקיע, באַאויפטראַגט פון סטאַלינס רוסלאַנד האָט געשיקט געווער קיין ישראל בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה.

די „האָניק חדשים" מיט רוסלאַנד האָבן נישט לאַנג געדויערט. פראַנקרייך איז געוואָרן דער הויפּט־פריינד. בעת דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט פראַנקרייך פאַרראַטן ישראל און היינט איז אַמעריקע דער הויפּט־פריינד פון דער יידישער מדינה. וואָס ווייטער?

די ביי־לאַטעראַלע אַנטוויקלונגען קאָנען אויפגעקלערט ווערן מיט דער הילף פון אַן אַראַביש מעשהלע: געווען אַ מאָל אַן אָרעמער אַראַבישער פויער. זיין פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ הויז, אַ ירושה פון די אבות, אָבער די חובות האָבן אים געצוואונגען די ירושה צו פאַרקויפן. ווען ס'איז געקומען צום אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט, האָט זיך דער אָרעמער אַראַבער צעוויינט: די אבות אין הימל וועלן אים פאַרשעלטן. וויינענדיק, האָט ער דאָן פאַרגעשלאָגן דעם קויפער: אויב ער וועט דערלויבן אַריינצושרייבן אין קאָנטראַקט, אַז אין נאָגל אינעם הויז בלייבט דאָס אייגנטום פונעם פאַרקויפער. וועט דאָס זיין אַ סימבאָל אַז ער האָט נישט פאַרקויפט די גאַנצע ירושה. נאָכן אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט איז דער אָרעמער אַראַבער געקומען מיט זיין אייזעלע און האָט עס אָנגעבינדן ביים נאָגל אין שטוב... דער נאָגל איז זיין...

וו. יאַבלאָנסקי

# געשיכטע־פעלשער ביי דער אַרבעט

אין יענע טראַגישע טעג, ווען די לעצטע פון וואַרשעווער געטאָ זענען אויפגעשטאַנען קעגן פאַרהאַסטן נאַצי־אָקופאַנט, האָבן פוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן פעלשן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן באַנוצנדיק זיך מיט ליגנס, שרייבנדיק אַז זיי זענען די מיטקעמפער און העלפער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ.

ס׳איז אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע איז דעם 19־טן אַפריל 1943 אַליין, אָן וועמענס נישט איז מיטהילף, אַרויסגעטראָטן אין אַ ביטערן געראַנגל מיט די גוט־באַוואָפנטע נאַצי־פאָרמאַציעס, וועלכע האָבן זיך געגרייט אויסצומאָרדן די לעצטע פערציק טויזנט יידן אין וואַרשעווער געטאָ. ס׳איז אויך אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז די יידישע קאַמפס־איינהייטן זענען געווען קנאַפ באַוואָפנט, און דאָך האָבן זיי אין די ערשטע דריי טעג פאַרשאַפט די נאַציס גרויסע פאַרלוסטן אין געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. די גרויסע איבערגעוויכט פון די נאַציס האָט געצוואונגען די קעמפער צוריקצוציען זיך פון זייערע פּאָזיציעס, ווייל ס׳האָט זיי אויסגעפעלט אַמוניציע. און דאָך איז דער קאַמף אָנגעגאַנגען מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט. ביז עס איז געפאַלן דער לעצטער קעמפער.

אין דער זעלבער צייט האָבן פוילישע אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגט גרויסע מאַגאַזינען מיט געווער און אַמוניציע — פאַר דעם פאַרצווייפלט־קעמפנדיקן געטאָ האָט מען אָבער קיין קויל נישט געוואָלט געבן. ערשט נאָך דריי וואָכן ווי די קאַמפן אין געטאָ האָבן אָנגעהאַלטן, האָט אַן אונטערערדישע צייטונג, אַרויסגעגעבן דורך די פ.פ.ס., געגעבן אַ גרעסערן באַריכט וועגן די קאַמפן אין געטאָ. דער באַריכט פון 7־טן מאַי 1943 אַנטהאַלט אַ סך פעלשונגען. די וויכטיקסטע פעלשונג: זיי שרייבן וועגן הילף וועלכע זיי האָבן געגעבן דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ. זיי האָבן געשריבן:

„דעם 19־טן אַפריל האָבן זיך אָנגעהויבן קאַמפן צווישן די נאַציס און די יידישע קאַמפס־אָפטיילונגען אין וואַרשעווער געטאָ. דער אָנהויב פון די קאַנפן איז אויסגעבראָכן צוליב דעם נישט אויספירן דעם באַפעל פון דער דייטשער פּאָליציי — אַז די יידישע אַרבעטער אין די שאָפן זאָלן איבעררייסן די אַרבעט און שטעלן זיך אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. די פּאָליציי האָט מיט אַלע מיטלען געפרוווט ברעכן דעם יידישן ווידערשטאַנד. און דאָך איז זיי נישט געלונגען אַרויסצופירן די אַרבעטער פון די שאָפן.

„דעם 19־טן אַפריל פאַרנאַכט זענען גרויסע אָפטיילונגען פון פּאָליציי אויף מאָטאָציקלען אַריינגעפאָרן אין געטאָ און אָנגעהויבן שיסן אויף יעדן איינעם, וועלכן זיי האָבן אָנגעטראָפן. די פּאָליציי־אָפטיילונגען זענען באַשאָסן געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן און באַוואָרפן מיט גראַנאַטן. אין רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענשטויס זענען געווען צענטליקער געהרגעטע און פאַרוואונדעטע פּאָליציאַנטן. די קליינע צאָל לעבנגעבליבענע דייטשן האָבן זיך אין כאַאָס צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק אין געטאָ די געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

„עטלעכע שעה שפעטער איז אין געטאָ אַריינגעפאָרן אַ גרויסע אָפטיילונג ס.ס מיט 6 טאַנקן. דער קאַמף צווישן די יידישע קעמפער מיט די דייטשע אָפטיילונגען האָט געדויערט אַ לענגערע צייט און די דייטשן האָבן ווידער געליטן אַ מפלה. פון דעם מאָמענט אָן קומען פאָר אָן איבעררייס קאַמפן. די דייטשע אָנפירונג האָט געפרוווט מיט אַלע מיטלען באַהערשן די לאַגע. זיי האָבן נישט דעררייכט דעם ציל. די דייטשן האָבן אָנגעוואָנדן אַ נייע טאַקטיק — זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערצוצינדן די הייזער אין געטאָ מיטן ציל אַרויסצושטויסן די קאַמפס־איינהייטן פון זייערע פּאָזיציעס. די דייטשן האָבן אָפגעשטעלט דעם צופלוס פון וואַסער, גאַז און עלעקטריע פאַרן געטאָ. ווען די יידישע באַפעלקערונג מיט אירע קאַמפס־איינהייטן האָבן נישט קאַפיטולירט, האָבן די דייטשן באַוואָרפן דאָס געטאָ מיט באָמבעס פון נידעריק־פליענדיקע אַעראָפלאַנען. די יידישע קאַמפס־איינהייטן דיספּאָנירן מיט אַ סך געווער און אַמוניציע, אויפרייס־מאַטעריאַלן, צוגעגרייט פון פריער פון די פוילישע אָרגאַניזאַציעס פאַר די יידישע קעמפער אין געטאָ. אין דער אָנפירערשאַפט פון די יידישע קאַמפס־אָפטיילונגען שטייט אַ הויכער פוילישער אָפיציר.״

דער דאָזיקער קאָמוניקאַט געפינט זיך אין צווייטן באַנד מעמואַרן, אָנגעשריבן דורכן ייד לודוויק לאַנדאַו. דאָס בוך הייסט: „די כראָניק פון מלחמה־יאָרן און אָקופּאַציע״, דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1962.

אַ פּאָר ווערטער וועגן לודוויק לאַנדאַו: געבוירן געוואָרן דעם 31־טן מאַי 1901 אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק; דאָרט פאַרענדיקט די גימנאַזיע, שטודירט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט עקאָנאָמיע און סטאַטיסטיק. אין 1924 נאָכן באַקומען דעם דאָקטאָראַט, אַרבעט לאַנדאַו אין הויפט סטאַטיסטישן אַמט; געהערט צו די בעסטע עקאָנאָמיסטן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן; אַקטיווער מיטגליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון פ.פ.ס.

אין די 30 טעג מלחמה קעגן די דייטשן, קעמפט לאַנדאַו אַלס אָפיציר אין דער אַרמיי פון גענעראַל טשומאַ. ווען וואַרשע ווערט אַרומגערינגלט דורך די דייטשע דיוויזיעס, טרעפן מיר לאַנדאַו אין דער אָנפירערשאַפט פון די אַרבעטער־באַטאַליאָנען, וועלכע זענען געוואָרן אָרגאַניזירט

זייער 5־מיליאָניקן קרבן אויפן מזבח פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

קען אייראָפּע פאַרגעסן אירע ברידער און שוועסטער?!

עס נעמט זיך דוכטן — אַז יאָ. עס נעמט זיך דוכטן, אַז אויך דעם טייל פון חורבן האָט מען אַריינגעלייגט אין זכרון פון יידישן פאָלק, צו געדענקען.

שמעון וויזענטאַל, דער פאָרשער און אויפדעקער פון נאַצי־פאַרברעכער, האָט אויפן וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישע קאַצעטלער און פּאַרטיזאַנער אין ישראל זיך אויסגעדריקט:

„די אַלע וואָס האָבן געליטן צוזאַמען מיט אונדז, וואָס זייערע פאַמיליעס זענען אומגעבראַכט געוואָרן, ווייל זיי האָבן געהאָלפן יידן, פרעגן אונדז הייַנט: פאַרוואָס רעדט איר בלויז וועגן זיך און קיינמאָל נישט וועגן אונדז?״

אונדזערע יזכר־אָוונטן זענען דעריבער נישט נאָר דער אויסדרוק פון אונדזער טרויער נאָר אויך אַ וואָרענונג:

— אויב די וועלט וועט זיך באַצייטנס נישט באַזינען וועט אין אַ געוויסן טאָג די מענטשלעכע ציוויליזאַציע ליגן אין חורבות — ווי עס איז געלעגן אין חורבות דאָס וואַרשעווער געטאָ.

מ. א.

---

מעם

# היטלערס צוואה

צווישן די „שטרייכער־דאָקומענטן״ אויפן נירענבערגער פּראָצעס, האָט זיך געפונען די פּאָליטישע צוואה פון היטלערן, דאַטירט: 29־טער אַפּריל 1945:

„פאַר צילן פון פּאָליטישער דיווערסיע, דאַרף מען אין דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט זיך באַנוצן מיטן אַנטיסעמיטיזם״.

דעם 22־טן יאַנואַר 1977, 7 אָוונט, האָט די סאָוויעטישע טעלעוויזיע געוויזן אין משך פון 65 מינוט אַ פּראָגראַם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דאָקומענטאַרער פילם וועגן יידישער עמיגראַציע קיין ישראל. דער נאָמען פון פילם — „הענדלער מיט נשמות״.

דער פילם און זיינע קאָמענטאַרן דערקלערן ווי גרויסצוגיק די סאָוויעטן זענען אין באַצוג צו די יידן וואָס ווילן אויסוואַנדערן. כמעט 98 פּראָצענט ביטעס ווערן פּאָזיטיוו דערליידיקט. (דאָס זענען די זעלבע באַרימטע 98 פּראָצענט שטימען, מיט וועלכע מען גרויסט זיך ביי די „וואַלן״ צום סאָוויעטישן פּאַרלאַמענט). יעדעס מאָל, ווען דער קאָמענטאַטאָר דערמאָנט דאָס וואָרט ישראל, ווייזט דער טעלעוויזיע־עקראַן מיליטערישע דזשעט־אעראָפּלאַנען; שלאַכטפעלדער פול מיט מתים; ברענעדיקע הייזער און באַדאַזשירטע קינדער. „דאָס — זאָגט דער קאָמענטאַטאָר — האָט ישראל אַריינגעבראַכט אין דער אַראַבישער וועלט״.

דער פילם ווייזט ווי אַן אויסגעפּאַשעטער ייד טיילט פינפער פונטן די „געדונגענע מענטשן״, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט פאַר דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן.

„אָנגעקומענע קיין ישראל, ווערן די רוסישע יידן געצוואונגען אונטערצושרייבן פאַרפליכטונגען, וועלכע זיי קענען נישט איבערלייענען. און אין רוסלאַנד — קאָמענטירט דער נאַראַטאָר — זענען פאַראַן ציוניסטישע קאַדרען וועלכע ווערן פינאַנסירט פון אויסלאַנד״. און באַלד דערשיינען אויפן עקראַן די יידן־אַקטיוויסטן, זייערע נעמען און אַדרעסן, וואו זיי וואוינען, אפילו אַ טשעק אויף אויסלענדישער וואַלוטע, איז אַ וויכטיקער בייטראַג צו דער „אויטענטישקייט״ פון דעם פּראָגראַם.

ווייזט אויס אַז די סאָוויעטישע פילם־„קונסט״ האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן טעלעוויזיע־פילם, וואָס באַרייכערט „קולטורעל״ און מאַכט באַוואוסטזיניק דעם סאָוויעטישן מענטשן, ער זאָל וויסן: ווער עס זענען זיינע פריינד — און ווער — זיינע שונאים (ווייל דער סאָוויעטישער מענטש מוז תמיד שטיין אויף דער וואַך!)

לויט דער באַוואוסטער לאָזונג פון: שטייגן און איבערשטייגן, האָבן די פילם־פּראָדוצענטן אַרויסגעבראַכט נאָך אַ „טיפזיניקן״ פילם, וועגן די ערשטע 50 יאָר פון ראַטנפאַרבאַנד.

מאַכנדיק זיך פאַרגעסן, אַז די פירער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע (די א. ג. אָקטאָבער־רעוואָלוציע) זענען געווען אין זייער מערהייט יידן (איז אפשר דערפאַר דער האַס?), געדענקען זיי אָבער, אַז דאָרא קאַפּלאַן — די עסעראָווקע? — ניין — די יידישקע — האָט פּרובירט אומברענגען לענינען מיט אַ שאָס.

מיט דעם אַ שאָס הויבט זיך טאַקע אָן דער פילם.

ווען די נאַצישע טאַנקען מאַרשירן אַריין קיין רוסלאַנד (געטריבן פון רוסישן בענזין, אַ דאַנק דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך) זאָגט אַ שטים: „דער יידישער קאַפּיטאַל האָט געהאָלפן היטלערן קומען צו דער מאַכט״.

דערציילט די פּרעסע: אַ יידישער פילם־רעזשיסער מיט אַ סך מלוכהשע אויסצייכענונגען האָט, זעענדיק דעם פילם, אויסגעשריגן: „אויב אַט דער פילם וועט געוויזן ווערן אין דער עפנטלעכקייט, וועלן זיין פרישע פּאָגראָמען״...

עס ווערט טראַגיש קלאָר: אויב מאָרגן־איבערמאָרגן וועט זיין אַ פרישער פּאָגראָם אויף יידן, וועט עס זיין זייער אייגענע שולד. דער סאָוויעטישער בירגער האָט בלויז אויסגעדריקט זיין „גערעכטן״ פּראָטעסט...

---

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַפּריל 1977 נומער 2 (8) מעלבורן, אויסטראַליע

# מיר געדענקען זיי תמיד

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — 19־טער אַפּריל 1943 — איז דער שענסטער און טראַגישסטער דענקמאָל, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשטעלט זיך אַליין.

די דאַטע איז פאַרקריצט אין די בלעטער פון דער אייראָפּעאישער געשיכטע. פון אָט די בלעטער טייטלט די דאַטע אַראָפּ מיטן פינגער צו די אַלע, וועלכע האָבן דעם שוידערלעכן פאַרברעכן לגבי דעם יידיש פאָלק צוגעזען און פחדנותדיק געשוויגן.

300 טויזנט וואַרשעווער יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, פון 22־טן יולי ביזן 12־טן סעפּטעמבער 1942. זעכציק טויזנט יידן זענען געבליבן אין געטאָ ערב דעם אויפשטאַנד. אין יאַנואַר 1943 האָט דאָס געטאָ געזאָלט ליקווידירט ווערן. די יידן האָבן שוין דאַן געזען דעם שוידערלעכן און ענדגילטיקן אמת — וואוהין די דייטשן צילן. פּנים אל פּנים מיט אָט די געשעענישן, האָבן די יידן נישט פאַרלוירן דעם צלם אלהים. דעם 1־טן מערץ 1944 שיקט דער היסטאָריקער ע. רינגעלבלום אַרויס דעם לעצטן געהיימען באַריכט:

„זייט וויסן, אַז די לעצטע, ביים לעבן געבליבענע טוערס, זענען ביזן לעצטן מאָמענט געווען געטריי די אידעאַלן פון אונדזער קולטור. די פאָן פון קולטור אין קאַמף קעגן באַרבאַריזם האָבן מיר געהאַלטן אין די הענט ביזן טויט”.

די טראַגעדיע ווערט נאָך טיפער, גרויליקער, ווען היינט — 34 יאָר נאָך יענער דאַטע — מוזן מיר נאָך אַלץ דערמאָנען די וועלט, אַז אידעאַלן פון קולטור און הומאַניזם; די תשיבות פון מענטש שטייען העכער פון נאַפט; פון מורא פאַרן באַרבאַר, באַוואָפנט מיט מאַשינגעווער. ווי דאַן — האָט אויך היינט די וועלט מורא אָנצונעמען ענערגישע מיטלען, כדי אָפּצושטעל אומזיניקע בלוט־פאַרגיסונגען, הגם די היינטיקע באַרבאַרן, די אידי אַמינס און זיינס גלייכן, פאַרמאָגן נישט דעם כוח פון דער נאַצישער קריגס־מאַשין, קעגן וועלכער אַ הייפל שוואַכבאַוואָפנטע יידן האָבן זיך אַנקעגנגעשטעלט.

מדינת ישראל — אַ קליינע, יונגע מדינה — האָט געוויזן גענוג ביישפּילן פון וועלכע די וועלט האָט געקאָנט לערנען, אַז טעראָריזם און באַרבאַריזם איז נישט קיין אומהיילבאַרע קרענק פון דער מענטשהייט.

די יידן, וועלכע זענען ערשט נעכטן (געשיכטלעך געמאָסטן) אַרויס פון די פייערן פון טרעבלינקע און אוישוויץ, דאַרפן עס זיין די, וואָס לאָזן דאָס געוויסן פון דער וועלט נישט איינשלאָפן. די וועלט מוז תמיד האָבן פאַר זיך דאָס בילד פון באַגאַנגענעם פאַרברעכן לגבי דעם יידישן פאָלק.

און נישט נאָר די וועלט: אונדזערע קינדער — קוים דער ערשטער דור נאָכן חורבן, הויבן אָן צו זען די געשעענישן ווי פאַרצייטיקע געשיכטע, פון וועלכע עס טיילט זיי אָפּ נישט נאָר אַן אָקעאַן — נאָר אַ וועלט אַ גאַנצע. עס איז די וועלט, וועלכע איז פאַרשוואונדן מיט איר יידישער אייגנאַרטיקייט; ספּעציפישקייט — אַ וועלט אַ יידישע — וואָס איז ווי אַ טייערע קרישטאָלענע קרוג צעשפּליטערט געוואָרן אויף פּיצלעך. יעדער פון אונדז איז געגליכן צו די דאָזיקע שפּליטערס, וועלכע מיר פּרוּוון צונויפפּאַסן: טאָמער וועט זיך פּאָרט באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס איז געווען — פון דעם וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

עבדים היינו... דורות געדענקען און דערציילן איבער די ביבלישע געשיכטע פון יידישער שקלאַפערייַ — און באַפרייאונג.

דער חורבן, די יידישע טראַגעדיע, דאַרף אויך ווערן דער פּאַראַל וואָס גייט „פון דור צו דור”.

דעם פּרייז, וואָס די וועלט האָט באַצאָלט אין בלוט און קרבנות צו באַפרייען זיך פון נאַציזם, הויבט מען אָן צו פאַרגעסן. עס איז אפשר נישט שווער, און עס רודערט נישט צופיל אויף דעם געוויסן פון דער וועלט די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות — אַ ציפער וועלכע מען פּרוּווט מיט „וויסנשאַפטלעכע” מעטאָדן און באַווייזן צו מינימיזירן. האָבן דאָך די פעלקער פון אייראָפּע צוגעטראָגן אויך

**1977 כ״ז ניסן תשל״ז 1943**

*VICTORIAN JEWISH BOARD OF DEPUTIES*

# JEWISH DAY OF REMEMBERANCE

FUNCTION COMMEMORATING *THE WARSAW GHETTO UPRISING*
and in tribute to the *SIX MILLION MARTYRS OF THE NAZI HOLOCAUST*

**THURSDAY, APRIL 14, 1977, AT 8 P.M. AT THE ST. KILDA TOWN HALL**

**Speakers: A. ZELEZNIKOW** — YIDDISH
**Dr. ALAN UNTERMAN** — ENGLISH

*Full programme in Yiddish, Hebrew and English*

Auspices: VICTORIAN JEWISH BOARD of DEPUTIES
"KADIMAH"
STATE ZIONIST COUNCIL
KATZETLER

HAZKARAH: Carlton Cemetery, Sunday, 17th April, 2.30 p.m.

---

ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע — המועצה הציונית בויקטוריה

# 29-טער יום העצמאות

# אריה ל. דולצין

קאַסירער פון דער יידישער אַגענץ און פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן

**וועט הי״יאָר זיין דער גאַסט־רעדנער אויף דער יום העצמאות פייערונג**

**זונטיק דעם 17־טן אַפּריל 1977, 7.45 אָוונט, אין דאַלאַס ברוקס האַל**

**בילעטן צו באַקומען איצט ביי: באַלבערישסקים, ישראל־שאָפּ און קאַנטאָרס**

# מעלבורנער בלעטער

**1977** **געטאָ-נומער** **1943**

## אייביקער כבוד די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ

## אינהאלט


מ. א. — מיר געדענקען זיי תמיד . . . . . . . . . 1
מעם — היטלערס צוואה . . . . . . . . . . . 2
וו. יאַבלאָנסקי — געשיכטע-פעלשער ביי דער ארבעט . . . . . . 3
ד״ר מ. פערשטענדיק — געדאַנקען צום יום העצמאות . . . . . . . 4
י. מ. לעווין — אַ לויב צו דיר מיין פאָלק (ליד) . . . . . . 7
חיים מאלטינסקי — אין די גרינע שפינוועבס-מאַכן (ליד) . . . . . . 7
צו דער יידישער באַפעלקערונג אין מעלבורן
(אויפרוף צום 34־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין
אין וואַרשעווער געטאָ) . . . . . . . . . 8
שמואל בענעט — אַ מאָל איז געווען אַ יידיש קאַרלטאָן . . . . . 9
ד״ר עזריאל נאַקס — חיים גראַדעס „די ישיבה״ אין ענגליש . . . . . 11
סענדער בורשטין — „קדימה״ — דער שטאָלץ פון מעלבורן . . . . . 13
יצחק קאַהאַן — דער היסטאָריש-נאַציאָנאַלער אינהאַלט און
הינטערגרונט פון „צום גדליה״ . . . . . . . 15
י. אָרבאַך — אַ בליק אויף יידיש לעבן אין דער וועלט . . . . . 17
יעקב גראָסמאַן — צינבערגס ווערק אין ענגליש . . . . . . . . 21
מ. אייזענבוד — אַנאָנימע העלדן (ג. טשאַרנעזאָן־שאַיאָקס „דער אַפגאַט
אין פייער״) . . . . . . . . . . . . . 23
ק. גאָטלער — דער חורבן געזען דורך אַנדערע... . . . . . . . 25



אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נומער 2 (8) — אַפּריל 1977